גליון
# באור החיים
פרשת מטות מסעי - תשפ"ה לפ"ק | גליון תתמ"א

יתנאלאור ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
הרב יעקב שמעון ראבינאוויטש שליט"א
לע"נ אחיו הבחור החשוב משה ארי' ע"ה בן הרה"ג רבי עקיבא יוסף שליט"א - מרבני בית מדרשינו מאנטריאל
היארצייט חל ביום ה' אב - ד' דברים הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר אביגדור וויינבערגער הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת הולדת נכדתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

**מטות**

### בני ישראל יש להם כח הבחירה

**וידבר משה אל ראשי המטות לבני ישראל לאמר וגו' איש כי ידור נדר לה' וגו'.**

כבר דקדק רש"י הק', למה דוקא במצוה זו כתיב "אל ראשי המטות", הלא כל המצות לימד משה תחילה לראשי המטות.

עוד יש לבאר מה שכתוב "איש" כי ידור נדר, הלא ידוע כי ישנם ארבעה שמות בדרגות בני אדם, אדם, גבר, אנוש, איש. ולמה נקט כאן השם איש דווקא.

אלא הענין בזה, כי ענין הנדרים בא ללמד לאדם שישמור את נפשו שלא ימשך אחר הנאת גופו, וכמו שפירש רש"י הק', לאסור איסר על נפשו, לאסור את המותה, היינו שהאדם יאסור על עצמו עניני היתר, לקדש עצמו במותר לו, כדי שלא ימשיך אחר הנאת גופו.

ובזה יש לרמז מה שאמר הכתוב "ראשי המטות", על פי המובא בספרי רבינו מהרי"א מ'קאמארנא זי"ע, בשם דודו הרה"ק רבי יוסף מ'זמיגראד, שפירש על הפסוק שאמר השי"ת למשה רבינו, מה זה בידך ויאמר מטה, פי' שאמר לו הקב"ה, איזה כח יש בידך ובכחך, ויאמר "מטה", שיש בידו כח הבחירה להטות לבבו לכאן ולכאן, וזהו שאמר הכתוב, וידבר משה אל "ראשי המטות" לבני ישראל, היינו שידבר לבני ישראל שיש להם כח הבחירה להטות לבבם לכאן ולכאן, ולתכלית זו הזהירם על פרשת נדרים, שיגדירו את עצמם שלא להטות לבבם אחר הנאת הגוף, אלא יכוונו בכל מעשיהם לשם שמים, ויקדשו עצמם במותר להם.

ובזה מובן למה נקט הכתוב לשון "איש" דייקא, איש כי ידר נדר, כי איש מורה על כח ההנהגה והשליטה, וכמו שמצינו אצל משה רבינו ע"ה שנקרא איש, והיינו שיהיה שליט ומושל על עצמו שלא להימשך אחר הנאת גופו, לאסור איסר על נפשו, ולקדש נפשו לפני בוראו.

(דב"ק מטות)

**מסעי**

### הקב"ה מתנהג עם האדם כמו שהאדם מתנהג

**ואם לא תורישו את יושבי הארץ מפניכם והיה אשר תותירו מהם לשכים בעיניכם ולצנינם בצדיכם.**

יבואר על פי מה דהוה מרגלא בפומיה

נתנדב על ידי הרבני החסיד והמפואר בריח התיכון ומגדולי תומכי מוסדותינו הק'
הרב מאיר יעקב טעסלער שליט"א
לעילוי נשמתו הטהורה של
רבינו הקדוש מרן משולם פייש בן הרה"ק רבי מרדכי סג"ל זיעועכי"א
לכבוד היומדהל"ק ז"ך מנחם אב הבעל"ט

פרנס פעולות האיחוד לחודש אב

אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך! מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י

**כי קרוב אליך הדבר מאוד, וויאזוי, בפיך ובלבבך לעשותו,**
**ווען דו רעדסט און בעטסט דעם אייבערשטן מיט הארץ!**
(אמ"ק ח"ב ר"ל)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש


המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **דוד יודא שפיטצער** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


## א צדיק וואס עס איז שוין בטל ביי אים די תאות עוה"ז קען זיך הייבן בגדלות

**ויסעו ממדבר סיני ויחנו בקברות התאוה.**

קען מען מרמז זיין אין דעם, די ווערטע פונעם הייליגן ספר נתיב מצותך, אז א צדיק וואס איז שוין נסנתה געווארן מיט אסאך נסיונות, און ער איז שוין שטארק נזדכך געווארן, און עס איז שוין בטל געווארן פון אים די תאות עוה"ז, קען ער זיך שוין פירן מיט הרחבה און גדלות, אזוי ווי מען האט געזעהן ביים הייליגן מעזריטש'ער מגיד זי"ע, אז זיינע מלבושים זענען געווען מלבושי מלכות, און זיינע סעודות זענען געווען אנגעגרייט פאר אים יעדן טאג כיד המלך, און ער האט נישט הנאה געהאט פון דעם נאר כראות עיניו, ווייל א צדיק וואס איז שוין בטל געווארן פון אים די תאות עוה"ז, קומט נישט פון דעם צו קיין גבורת הלב, און אפי' ווען ער איז אנגעטון מיט מלבושי מלכות, און בגדים לבנים, איז ער בטל ביי זיך אינגאנצן, ווייל ער איז מכיר שטענדיג אז עס איז נישט דא קיין שום מציאות חוץ דעם אייבערשטן, און אלעס וואס ער האט איז שייך פארן אייבערשטן, און אלעס וואס ער האט זוכה געווען צו משיג זיין קומט נאר פונעם אייבערשטן שחלק מחכמתו ליראיו.

אזוי אויך איז געווען א מעשה ווען דער הייליגער רבי פון לובלין איז נסתלק געווארן, זענען זיך די תלמידים צוזאם געקומען צו זיכן א עצה ווער עס זאל זיי ווייזן די וועג אויף ווייטער, צווישן די תלמידים איז געווען דער הייליגער ראפשיצער רבי זי"ע און דער הייליגער עטרת צבי זי"ע, האט דער עטרת צבי געזאגט, "וואס פעלט אייך דען ביי אונז", צו אים מקבל זיין אלץ רבי', און דער עטרת צבי' האט דעמלאטס אויסגערעכנט זיינע מדריגות און השגות העכער צוויי שעה.

נאך די אסיפה האט דער הייליגער ראפשיצער רבי' געזאגט אויף דעם,"ער האט נאך קיינמאל נישט געזעהן אזא שפלות אזוי ווי ער האט געזעהן ביים עטרת צבי אין די צוויי שעה וואס ער האט אויסגערעכנט זיינע מדריגות", ווייל די צדיקים ווען זיי האבן זיך געפירט מיט גדלות און גערעדט פון זייערע מדריגות האט דאס בכלל נישט תופס מקום געווען ביי זיי, ווייל זיי זענען שטענדיג געווען בטל צום אייבערשטן, און זיי האבן אלץ משיג געווען אז עס איז נישט דא קיין שום מציאות אויסער דעם אייבערשטן.

דאס איז מרומז דא אין פסוק "ויסעו ממדבר סיני ויחנו בקברות התאוה", "מדבר סיני" איז מרומז אויף שפלות כידוע, זאגט דער פסוק ווער קען זיך אוועקציען פון די בחינה פון מדבר סיני, און זיך פירן בהרחבה ובגדלות, "ויחנו בקברות התאוה", דער וואס האט זוכה געווען צו באגראבן די תאוות, און מבטל זיין די רוח התאוה פון אים, פאר אים איז מותר זיך צו אוועקקערן פון די דרך השפלות, און דאס איז געווען די מדריגה פון די צדיקים הק'.

יהי רצון אז אונז זאלן זוכה זיין צו זיך מקשר זיין צו זיי, און משפיע זיין שפע טובה וברכה בזכותם. אכי"ר.

(עבודה פתג"ק)

---

דהבעש"ט הק' פירוש הפסוק (תהלים קכ"א ה') "ה' צלך", שהקב"ה הוא צל שלך, כמו שבצל רואים כל התנועות אשר האדם עושה, כן הקב"ה מתנהג עם האדם כמו שהאדם מתנהג, וכלשון הנאמר בזוה"ק (ח"ג לא:) באתערותא דלתתא איתער עובדא דלעילא.

וזהו שאמר הכתוב כאן, "ואם לא תורישו את יושבי הארץ מפניכם", יושבי הארץ הם ז' מלכי כנען, שהם שורשי הז' מדות רעות, ואמר הכתוב, אם לא תגרשו את המדות הרעות מקרבכם, "והיה אשר תותירו מהם", היינו המדות רעות אשר תותירו בלבבכם, "יהיו לשכים בעיניכם ולצנינים בצדיכם", שתגרמו בזה רעה לעצמכם, כי תעוררו בזה דין על עצמכם, כי כמו שאתם מתנהגים במדותיכם, כן הקב"ה מתנהג עמכם, כי כשאתה רחום וחנון, גם הקב"ה מתנהג עמך במדת רחום וחנון.

(פתג"ק מסעי)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצזאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **פנחס מרדכי יודא קליין** הי"ו
לע"נ אביו הרה"ח ר' יצחק אייזיק בן ר' יוסף צבי ע"ה - יארצייט ה' אב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לברכה והצלחה בכל הענינים לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### מטות

### פרשת מטות

עס ווערט געברענגט א טעם אין די ספרים הק' פארוואס מ'לייענט די פרשיות מטות מסעי אין די וואכן פון "בין המצרים", וויבאלד אין די פרשיות ווערן דערציילט די "חלוקת הארץ", און מיט דעם וויל מען טרייסטן די אידישע קינדער אז בקרוב וועלן מיר שוין זוכה זיין צו "לאלה תחלק הארץ". בב"א.

*

### לא יחל דברו ככל היוצא מפיו יעשה.

עס קען דא זיין א רמז אין פסוק, אז דער וואס היט אפ זיינע דיבורים צו זיין נאר אמת'דיג, איז "ככל היוצא מפיו יעשה", וועט דער אייבערשטער ממלא זיין אלע דיבורים וואס עס גייט ארויס פון זיין מויל, און זיינע ברכות ווערן מקוים.

(הרה"ק רבי ישראל מקאזניץ זי"ע)

### מסעי

### ויסעו מחרדה ויחנו במקהלות.

מען קען זאגן פשט אין פסוק לויט ווי די חז"ל זאגן בזמן שישראל באגודה אחת אין כל אומה ולשון יכולין לשלוט בהם.

דאס זאגט דער פסוק, "ויסעו מחרדה", ווי אזוי קען מען אוועק ציען פון די שרעק, אז מען זאל פון קיינעם נישט דארפן מורא האבן, דאס איז דורך, "ויחנו במקהלות", אז מען טוט רוען צוזאמען באחדות.

(הרה"ק רבי בונם מפרשיסחא זי"ע)

### את שש ערי מקלט אשר תתנו לנוס שמה הרוצח ועליהם תתנו ארבעים ושתים עיר.

די זעקס ערי מקלט זענען אקעגן די זעקס ווערטער פונעם פסוק "שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד" - זאגט דער פסוק אז "אליהם תתנו ארבעים ושתים עיר", אויסער די זעקס שטעט פון ערי מקלט זאל מען נאך געבן פאר די לוים צוויי און פערציג שטעט, אינאיינעם איז אכט און פערציג שטעט, דאס איז אקעגן די אכט און פערציג ווערטער וואס איז פארהאן אין דער פרשה "ואהבת" ביז "ובשעריך" אט דער פסוק "שמע ישראל", און די פרשה "ואהבת" זענען די ערי מקלט, וואו יעדער איד קען זיך באהאלטן און באשיצן, אפילו ער האט עפעס שלעכטס געטון, דורך קבלת עול מלכות שמים, און אהבת ה', ווערט יעדע איד ניצול פון די מקטריגים וועלכע יאגן אים נאך.

(הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל מאפטא זי"ע)

## א מעשה אויף די פרשה

### מטות מסעי

הרה"ק מ'פשעווארסק זצ"ל שרייבט אין א בריוו (כתבי קודש ח"ב קל"א) אן אינטערסאנט ווערטל ווי פאלגענד: רבי'שע אייניקלעך האבן זיך אמאל געטשעפעט מיט א בדחן, האט זיי דער בדחן געזאגט, "צו ווייסט איר פארוואס מטות גייט נאר צוזאמען מיט מסעי און נישט מיט פנחס? ווייל מ'האט פאר מתתי' (מטות) אנגעטראגן צוויי שידוכים, א שלעפער און א רבי'שע אייניקל, האט מתתי' ענדערש אויסגעוועלט מסע" (מלשון משא, א שלעפער) ווי פנחס וואס איז געווען א רבי'ש אייניקל פון אהרן הכהן" ע"כ, ומי יעמוד בסוד קדושים.

*

### אשה יקימנו ואשה יפירנו

דער הייליגער רוזשינער זי"ע איז אלס קליין קינד פאר'יתומ'ט געווארן פון זיין טאטן, און איז דעריבער אויפגעוואקסן ביי זיין גרעסערן ברודער ר' אברהם מ'פראבישט זצ"ל. איינמאל האט פאסירט אז ס'איז אים ארויסגעוואקסן בלאטערן אויף זיין הייליגע גוף, ר' אברהם האט זיך דאן געווענדן צו זיין פרוי, און געזאגט אז ער גיט איר אוועק פון זיין עולם הבא, נאר זי זאל זעהן אז די קרעץ און בלאטערן וואס שמערצן אזוי שטארק זיין קליינעם ברודער זאל זיך אויסהיילן. די פרוי האט זיך אפגעגעבן און פרובירט מיט אלע מיטלען אז די בלאטערן זאלן אוועקגיין.

איינמאל האט זי אריינגעקוקט דורכ'ן שפאלט אין זיין צימער, און באמערקט ווי דער קליינער ישראל'יקל נעמט קופערנע מטבעות, און האלט עס איבער'ן פייער. ווען ס'איז שוין געווען שטארק רויט, לייגט ער דאס ארויף אויף זיין גוף וואס דאס איז גורם אז די בלאטערן זאלן זיך צוריק אויפבלאזן. איז זי געלאפן גלייך צו איר מאן, וועלכער איז געקומען פארהאלטן זיין קליינעם ברודער פארוואס ער טוט דאס, האט אים ישראל געענטפערט, אז מיט דעם טוה איך אויפקלערן דעם יצר הרע וואס קומט מיך איבעררעדן צו טון שלעכטע מעשים, אז דער גוף איז גארנישט, א ביסל היץ קען ער נישט פארנעמען, און אזוי דריי איך זיך ארויס פונעם יצר הרע.

מיט דעם האט ער געטייטשט, "אשה" (א"ש) יפירנו, מיט דעם פייער וואס איך בריה מיך אפ, צושטער איך די ווערטער פונעם יצר הרע, און ער האט נישט קיין שליטה אויף מיר.



# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **פנחס קליין** הי"ו (מאנטריאל)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' משה נ"י לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## הלכות זומער

### בדיקת תולעים (ד)

### בונדלעך

**שאלה:** דארף מען בודק זיין בונדלעך פון ווערים, און וויאזוי איז מען זיי בודק?

**תשובה:** כאטש וואס היינטיגע צייטן זענען די בונדלעך וואס זענען פון א גוטע קוואליטעט נישט ווערעמיג, און זיי וואלטן געדארפט זיין פטור פון בדיקת תולעים, פונדעסטוועגן וויבאלד די בונדלעך וואס זענען נישט פון א גוטע קוואליטעט, איבערהויפט בונדליך וואס זענען נישט פריש, טרעפט זיך יא ווערים, דעריבער פירט מען זיך בודק צו זיין די בונדלעך כדי נישט נכשל צו ווערן ח"ו מיט עסן פון ווערים, ווייל עס איז שווער צו וויסן צי זיי זענען טאקע ריין פון ווערים.

### וויאזוי איז מען בודק בונדלעך

מען ווייקט די בונדלעך עטליכע שעות אין ווארעם וואסער, אדער א גאנצע טאג אין סתם וואסער, וואס דעמאלטס שווימען ארויף די ווערים, און אויך ווערן די בונדלעך איינגעזאפט מיט די וואסער, און דעמאלטס קען מען זען צי עס איז נישטא קיין ווערים אדער פרעמדע פונטעלעך אין די פלייש פון די בונדלעך, וואס דאס קען זיין א סימן פון ווערים.

אויך קען מען זען צי עס זענען דא לעכער אין די בונדלעך, וואס דאס קען זיין אז עס איז געווען א ווארעם אין די בונדל, און מען דארף דאס אוועק ווארפן אפילו ווען מען זעט נישט דערין א ווארעם, ווייל עס קען זיין אז די ווארעם האט איבער געלאזט אין די לעכל אביסל פון זיך, אדער פון די אייער.

**באמערקונג**

אויב מען ווייקט די בונדלעך אין וואסער, זעט מען נישט אז עס זענען ארויף געשווימען ווערים, אדער געלעכערטע בונדלעך, העלפט דאס נישט מתיר צו זיין די בונדלעך אן קיין בדיקה, ווייל נישט אלע ווערעמיגע בונדלעך שווימען ארויף, נאר דאס העלפט גרינגער צו מאכן די בדיקה.

אויב מען זעט אז די בונדלעך זענען פון א גוטע קוואליטעט, איז גענוג ווען מען קוקט עס דורך פון אויבן אויף צי מען זעט נישט עפעס וואס איז פארדעכטיג.

### מעל

### א

### שאלה: וואס איז די הלכה מיט די מעל וואס מען פארקויפט אין די געשעפטן, איז מען דאס מחויב צו זיפן פארן נוצן?, און מיט וואס פאר א זיפל דארף מען דאס זיפן?

**תשובה:** אין מעל קען זיך טרעפן ווערים, אדער מילבן, איבערהויפט ווען עס איז נישט פריש, אדער עס ליגט א לענגערע צייט אין א ווארעם פלאץ, דעריבער דארף מען עס זיפן.

### געהעריגע מעל

פשוט'ע מעל וואס מען דארף זיפן, דארף מען זיפן מיט א זיבעציגער אדער א כאטש א זעכציגער מעש.

### האלוויט - ספעלט מעל

האלוויט מעל, אדער ספעלט מעל, וואס דאס גייט נישט דורך א זיבעציגער אדער אפילו א זעכציגער מעש, קען מען זיפן מיט א זיפל וואס איז 30 אדער 40 מעש, און דאס וואס גייט נישט דורך און עס בלייבט אין זיפל, זאל מען לייגן אין א ווייסע טעלער, און באקוקן צי מען זעט נישט דערין קיין מילבן אדער ווערים.

### ב

### שאלה: מעל וואס מען האט געזיפט און עס איז געווען אינגאנצן ריין פון ווערים, קען מען עס אוועקלייגן און נוצן א לאנגע צייט שפעטער?

**תשובה:** געזיפטע מעל אויב עס ליגט א לענגערע צייט, קען עס ווערן ווערמיג, איבערהויפט ווען עס ליגט דארט ווי עס איז ווארעם, אדער דארט ווי עס איז פייכט פון די פארע פונעם קאכן א.ד.ג., אויסער אז מען לייגט אריין די געזיפטע מעל אין פריזער אדער אין פרידזשדער, וואס דעמאלטס דארף מען עס נישט איבער זיפן.

געזיפטע מעל קען מען האלטן אין פרידזשידער ארום דריי וואכן, און אין פריזער ווי לאנג מען וויל.

**באמערקונג**

עס איז וויכטיג אנצומערקן אז די וואס האלטן די מעל אין פרידזשידער אדער אין פריזער, דארפן אכטונג געבן אז נאכדעם וואס זיי נעמען דאס ארויס צו נוצן דערפון, אז מען זאל נאכן נוצן צוריק לייגן די מעל אין פריזער, און נישט לאזן צו לאנג אינדרויסן, ווייל צוליב די פייכקייט קען עס גרינגער מילביג ווערן.

### ג

### שאלה: עס האט זיך איינגעגעבן ביי אסאך מענטשן, אז פרישע מעל דארף מען בכלל נישט זיפן, אזוי אויך מעל וואס איז געסילט [וועקיום-פעק], איז דאס ריכטיג?

**תשובה:** מעל גלייך נאכן מאלן איז געווענדליך ריין פון ווערים, און מען דארף עס נישט זיפן, און אויב מען האט עס גלייך נאכן מאלן אריינגעלייגט אין א פריזער, אדער מען האט עס געסילט [וועקיום-פעקט] דארף מען נישט זיפן, וויבאלד עס האט נישט געהאט די מעגליכקייט אז עס זאל ווערן מילביג אדער ווערמיג.

אבער עס איז וויכטיג צו וויסן אז

"פרישע מעל" מיינט אז עס איז נישט דורכגעגאנגען א לאנגע צייט פונעם מאלן די ווייץ, און מען רעכנט עס נישט פון ווען די געשעפט האט אריין באקומען די מעל אין געשעפט, און ווען מען קויפט א פעקל מעל פון געשעפט, קען מען נישט וויסן ווילאנג צוריק מען האט געמאלן, דעריבער דארף מען זיכער מאכן ווען מען האט דאס געמאלן.

**באמערקונג**

ווען מען קויפט א גאנצע זאק מעל, קען מען מברר זיין ווען מען האט דאס געמאלן, עס זענען דא אין די זייט פון די זאק פארשידענע נומערן, וואס דארט איז פארשריבן די דאטום ווען מען האט דאס געמאלן, און לויט דעם קען מען וויסן צי מען דארף דאס זיפן צו נישט.

## ד

## שאלה: ווילאנג נאכן מאלן קען דאס באטראכט ווערן פאר פרישע מעל אז מען זאל דאס נישט דארפן בודק זיין?

**תשובה:** עס איז נישטא קיין באשטימטע צייט ביז ווען דאס הייסט "פרישע מעל", ווייל עס ווענדט זיך ווי עס ליגט, אויב עס ליגט אויף א פייכטע פלאץ, אדער א ווארעמע פלאץ, אדער דארט ווי עס איז יומעט, קען עס ווערן ווערעמיג - מילביג אפילו אין א קורצערע צייט, און ווען מען קויפט מעל פון א געשעפט קען מען נישט וויסן ווי עס איז געלעגן פון נאכן מאלן ביזן פארקויפן.

דעריבער איז נישט כדאי זיך איינגאנצן צו פארלאזן דערויף, נאר מעל וואס מען ווייסט זיכער די דאטום ווען מען האט דאס געמאלן, אויב עס איז נישט דורך א לאנגע צייט, קען מען עס אריינלייגן אין פריזער, און עס איז ראטזאם אז יעדעס מאל ווען מען וויל נוצן פון די מעל, זאל מען זיפן כאטש אביסל דערפון, און אויב עס נישט פרישע מעל דארף מען זיפן די גאנצע מעל פארן נוצן.

## ה

## שאלה: אויב מען האט בטעות געניצט מעל אום געזיפט, מעג מען עסן די מאכל אדער די געבעקס וואס מען האט געקאכט אדער געבאקן מיט די מעל?

**תשובה:** אויב מען ווייסט אז די מעל איז פריש, קען מען דאס עסן, אבער אויב די מעל איז נישט פריש, איז דא א עצה אז אויב עס איז נאך געבליבן אביסל פון די מעל, זאל מען דאס איבערזיפן, און אויב עס איז ריין קען מען עסן די מאכל.

און אויב עס איז נישט געבליבן פון די מעל, אדער מען האט געטראפן אפילו נאר איין ווארים, זאל מען פרעגן א שאלה, ווייל נישט פרישע מעל קען זיך טרעפן ווערים.

**באמערקונג**

עס איז וויכטיג אנצומערקן אז נאכדעם וואס מען זיפט מעל מיט א זיפל, דארף מען דאס רייניגן און זיכער מאכן אז עס בלייבט נישט דערין מעל, ווייל אויב עס בלייבט דערין אפילו נאר אביסל מעל, קען דאס ווערן ווערעמיג אדער מילביג, און אויך פאר מען הייבט אן צו זיפן מעל, זאל מען באקוקן די זיפל צי עס איז ריין.

## צוויבל

**שאלה:** דארף מען חושש זיין אז אין צוויבל געפונט זיך ווערים, און וויאזוי איז מען דאס בודק?

**תשובה:** אין די דרויסענדיגע טייל פון די צוויבל קען זיך טרעפן פיצלעך ווערים [טריפס], עס זעט אויס אזוי ווי א דינע פיצעלע ברוינע אדער א געלע ליין, וואס איז לאנג א 1 מילימעטער, און דאס איז שווער בודק צו זיין.

## דעריבער איז ראטזאם מען זאל זיך פירן ווי פאלגענד:

1. מען זאל אוועק שניידן די אויבערשטע טייל פונעם צוויבל, וואס דארט זענען די שיכטן פון די צוויבל לויז, וואס דאס איז ארום 1 סענטימעטער ביז 3 סענטיעטער, ווענדט זיך לויטן גרויסקייט פון די צוויבל, און דאס אוועק שניידן, ווייל דארט קען זיך טרעפן ווערעם.
2. מען זאל אוועק שניידן די גאנצע דינע שאלאכטץ פון די צוויבל, און אויך די ערשטע שיכט פון די צוויבל וואס איז ראוי צום עסן.
3. א צוויבל וואס איז ווייער, אדער די שיכטן זענען לויז, אדער עס איז דא א הוילקייט צווישן די שיכטן, זאל מען בכלל נישט נוצן.
4. א צוויבל וואס האט אין זיך צוויי טיילן, עס איז אזוי ווי א צווילינג, דארף מען דאס אפטיילן, און אוועק שניידן די ערשטע שיכט פון ביידע טיילן, און נאכדעם גוט אפשווענקען אונטער א שטרום וואסער.

## יונגע צוויבל - סקאלניעס

די גרינע בלעטלעך זענען זייער ווערעמיג, מען דארף צוטיילן יעדע בלעטל אין צווייען, און דאס גוט בודק זיין, און אזוי ווי עס איז שווער בודק צו זיין, דעריבער זענען דא וואס עסן בכלל נישט די גרינע בלעטער, זיי שיילן אפ די שאלאכטץ, און זיי שניידן איינגאנצן אוועק די גרינע בלעטער ביז צו די ווייסע טייל פון די צוויבל זעלבסט.

## קנאבל

**שאלה:** דארף מען חושש זיין אז אין קנאבל געפונט זיך ווערים, און וויאזוי איז מען דאס בודק?

**תשובה:** אויף די שאלאכטץ וואס נעמט ארום די ציינדלעך פון די קנאבל קען זיין ווערים, און עס שווער בודק צו זיין, דעריבער זאל מען עס אפשווענקען נאכן אפשיילן.

מען זאל נישט שיילן די קנאבל אויף א טיש אדער קאונטער וואס מען לייגט דערויף עסנווארג.

**באמערקונג**

ביי א פדיון הבן וואס די מנהג איז אז מען גיט קנאבל מיט קאצקא צוקער, זאל מען אכטונג געבן אז מען זאל נישט לייגן די קנאבל אינאיינעם מיט די קנאבל, נאר מען זאל לייגן די קנאבל אין א עקסטער זעקל, ווייל די ווערים פון די קנאבל קען אריבער גיין אויף די קאצקא צוקער.

המשך יבוא אי"ה

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## ויסעו ויחנו

די הייליגע אפטא רב האט געזאגט, אז עס שטייט אין מדרש (ויק"ר י"ג ג') לעתיד לבוא תורה חדשה תצא, לכאורה איז דאס שווער צו פארשטיין, ווייל איינע פון די י"ג עיקרים זענען דאך אז, זאת התורה לא תהא מוחלפת ולא תהא תורה אחרת.

נאר וואס דען, היינטיגע צייטן האט מען א תורה וואס דארט שטייט אלע מעשיות פון די אבות הקדושים, זייערע גליות'ן און זייערע נסיעות, און פון דעם לערנט מען זיך ארויס ווי אזוי זיך צו פירן. אבער לעתיד לבוא וועט צוקומען צו די תורה הקדושה מעשיות פון די שפעטערע צדיקים, למשל עס וועט שטיין "ויסע רבי ישראל בן אליעזר ממעזיבוז ויסע ויבא עד לבוב אצל מרן בעל פני יהושע וידברו שניהם וכו'", - און דער ארפטא רב האט צוגעלייגט אויך זיך אליין, אז עס וועט אויך שטיין - "ויסע אברהם יהושע העשיל מאפטא ויחן במעזיבוז", און פון די מעשיות וועט מען זיך אויך קענען אויסלערנען כל התורה כולה אבער די עצם גוף התורה וועט בלייבן די זעלבע.

הרה"ק מדזיקוב זי"ע האט עס פארענטפערט אביסל ענליך, אז עס איז דא אסאך פסוקים אין די תורה וואס מען פארשטייט נישט פארוואס עס דארף שטיין, אבער לעתיד לבוא וועט אלעס נתברר ווערן, און מען גייט פארשטיין וואס די פסוק וויל זאגן, און נאכדעם האט ער צוגעלייגט אז אין די תורה גייט אויך שטיין "ויסע הרבי ר' מענדיל מפריסטיק לרימאנוב" און פון דאס גייט מען ארויס לערנען אסאך זאכן.

אויך די הייליגע ראפשיצער רב זי"ע האט געזאגט אז פונקט ווי אין די תורה שטייט די מסעות וואס די אידן זענען דורך געגאנגען אין די מדבר, אזוי אויך גייט לעתיד לבוא שטיין אין די תורה וואס עס גייט דעמאלטס נתגלה ווערן, עס וועט שטיין אלע מסעות וואס די אידן זענען דורכגעגאנגען פון די שפעטערע גליות'ן, ווי גירוש שפאניע, וכדומה, און ראפשיצער רב האט צוגעלייגט אז דארט גייט אויך שטיין די מסעות פון צדיקים למשל "ויסעו הרבי ר' מענדיל מפריסטעק לרימנוב".

הרה"ק ר' דוד מלעלוב זי"ע האט געזאגט אז פונקט ווי משה רבינו האט אראפגעשריבן אלע מסעות פון די אידן און פון דעם איז געווארן די תורה, די זעלבע זאך היינטיגע צייטן, שרייבט אליהו הנביא אלע מסעות און מיטמאכענישן פון די אידן, און ווען משיח וועט קומען וועט דאס זיין א ספר וואס מען גייט לערנען אין דעם.

*

עס איז אינטערעסאנט צוצוברענגען א מעשה פון די הייליגע חוזה פון לובלין, וואס מען זעהט דערפון די גרויסקייט און חשיבות עס איז א נסיעה פון א צדיק, א איד איז אמאל אריין געקומען צום הייליגן חוזה זי"ע, און אים געזאגט, אז ער מיינט אז ער האט געזען אליהו הנביא אין זיין חלום, און ער וויל וויסן צו עס איז טאקע געווען אליהו הנביא, ווייל אין זיין חלום האט ער אים עפעס געפרעגט און אליהו הנביא האט אים געענטפערט, האט אים די חוזה געפרעגט ווי אזוי האט ער אויסגעזעהן אין זיין חלום, - און די חוזה האט צוגעלייגט ברוב ענוותנותו, - וויאזוי ווייס איך ווי אזוי אליהו קוקט אויס, ווייל ווען איך האב זיך אריבערגעצויגן פון לאנצוט קיין לובלין, איז געווארן א רעש אין הימל אז די אייניקל פון הרה"ק ר' יעקב קאפיל מ'ליקאווע זי"ע ציעט זיך אריבער פון איין מדינה צו די צווייטע, דעמאלס האט אליהו הנביא געוואלט וויסן ווער די אייניקל איז, איז ער געקומען צו מיר, דעמאלס האב איך אים געזעהן.



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ג' אב | הבחור החשוב משה ארי' ע"ה בן הרה"ג ר' עקיבא יוסף שליט"א ראבינאוויטש<br>לא הניח אחריו זש"ק | תש"פ | ביה"ח וויזניץ מאנסי |
| ה' אב | הילד ישעי' ע"ה בן ר' שלמה הי"ו גוטמאן | תשל"ז | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |
| ה' אב | הרב החסיד ר' יצחק אייזיק בן ר' יוסף צבי ע"ה קליין | תשס"ו | ביה"ח ענפילעד ד'לאנדאן |

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **דוד יושע שווארץ** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת אירוסי בנו החתן זיידא ישראל חיים נ"י למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## האר"י הקדוש זי"ע

**דעם קומענדיגן מיטוואך דברים, ה' אב הבעל"ט געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליג'ן אר"י הקדוש, רבי יצחק בן רבי שלמה לוריא זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו:

דער הייליגער אר"י הקדוש איז געבוירן אין ירושלים בשנת רצ"ד, צו זיין גרויסן טאטע רבי יצחק לוריא, וואס איז געווען זייער א גרויסער און הייליגער מענטש.

ווען דער אר"י הק' איז געבוירן, איז אליהו הנביא געקומען צו זיין פאטער רבי שלמה, און אים געזאגט אז ער זאל איםווארטן ביים ברית, און נישט אנהויבן די ברית איידער ער וועט זיך אנטפלעקן צו אים, אזוי האט טאקע רבי שלמה לוריא דער פאטער פונעם אר"י הק' געטוען, ער האט זיך געגרייט צו אנהויבן די ברית, אבער אליהו הנביא האט זיך נאכנישט אנטפלעקט צו אים. דער עולם ארום איז געווארן אומגעדולדיג מיט וואס א מינוט עס איז פארבייגעגאנגען, אבער רבי שלמה ווארט אויף אליהו הנביא, פלוצלינג זעהט רבי שלמה ווי אליהו הנביא קומט אריין, און אליהו הנביא האט גענומען דאס קינד - דער אר"י הק' - אויפן שויס, און אליהו הנביא איז געווען סנדק ביים ברית.

דער אר"י הק' פלעגט שוין פון יונגווייז אן לערנען און מפרש זיין סתרי וסודות התורה, ער פלעגט אויפזיין גאנצע נעכט, נישט פארמאכענדיג קיין אויג, און אפט מאל פלעגט ער קענען לערנען איין מאמר עטליכע טעג, ביז ער האט דאס פארשטאנען, און דאס האט נישט אפגעשטעלט זיין רצון און חשק פון לערנען ווייטער, און מיט א אויסטערלישע התמדה געלערנט אומאויפהערליך, און דערנאך אויסגעשטיגן א ריז אין די סודות וסתרי התורה.

דער אר"י הק' האט זיך צום ערשט אויפגעהאלטן אין מצרים, און דארט מקבל געווען תורה פון זיין רבי'ן הרב"ז, און פונעם בעל שיטה מקובצת. נאכן זיין עטליכע יאר אין מצרים, האט מען אים מודיע געווען פון הימל אז ער זאל פארן קיין צפת צו לערנען סתרי תורה מיט רבי חיים וויטאל זצ"ל, וואס איז געווארן דער תלמיד מובהק פונעם אר"י הק'.

דער אר"י הק' איז נסתלק געווארן אין טאג פון ה' אב שנת של"ב, און איז געקומען לקבורה אין זיין וואוין-שטאט צפת. דער מקום מנוחת כבוד פונעם הייליגן אר"י איז נאך עד היום א ארט ווי טויזנטער אידן קומען, און זענען זיך משתטח אויפן ציון הק'. רביה"ק זי"ע, האט זיך אויך משתטח געווען על ציון הק' בעצם יומא דהילולא אין צפת, זייענדיג אין ארץ ישראל בשנת תשל"א ביים נסיעה.

### שמחה הוא דאורייתא לדעת האריז"ל:

וכאשר האדם שרוי בשמחה וחדוה, הוא דבוק אל עצם הקדושה, כי מדת השמחה הוא כח הקדושה, ומלבד מה שהיא מצות עשה מן התורה לדעת האריז"ל, הרי עצם השמחה היא עצם הקדושה ממש, וכו' עיי"ש באורך.

(עבו"ע שיח"ק ח"ב קט"ז)

### רוח קדושתו:

דער אר"י הק' פלעגט שטענדיג זאגן פאר מענטשן איבער זייערע מעשים וואס ער האט געזעהן אויף זיי דורך זיין מדריגה פון רוח הקודש, דער הייליגער רבי מאטל פון סלאנים זצ"ל האט געזאגט אז אין די צייטן פונעם אר"י הק' פלעגן מענטשן האבן א פחד צו גיין מיט א אויפגעדעקט שטערן, און פלעגן שטענדיג גיין מיטן הוט אראפגעצויגן אז עס זאל פארדעקן די שטערן, מורא האבענדיג אז דער אר"י הק' זאל נישט זאגן פאר אלעמען וואס ער זעהט אויף אים, פערציג יאר נאכן פטירה פונעם אר"י הק' פלעגן נאך מענטשן גיין מיטן הוט איבערצויגן העכערן שטערן, - פירט דער סלאנימער רבי אויס - אזוי גרויס איז דער פחד געווען פונעם אר"י הק'.

אינעם שטאט צפת האט געוואוינט א חכם און חזן ר' ישראל, זיין מנהג איז געווען צו זינגען יעדע שבת ווארימע ניגונים לכבוד שבת, און פארברענגען מיט זיין משפחה אפרעכטענדיג זיין הערליכן שבת טיש. דער אר"י הק' האט אין א שבת ביינאכט געשיקט רופן זיינס א תלמיד און אים געזאגט אז ער זאל גיין איבערגעבן פאר ר' ישראל אז זיין שירות ותשבחות זענען מרעיש עולמות, און גאנצע גרופעס מלאכים זענען זיך צוזאמגעקומען הערן זיינע שיינע געזאנגען, אבער צוליב דעם וואס ער פירט זיך נישט אויף מיט א אימה ופחד ביים טיש, אזוי ווי עס שטייט "זה השולחן אשר לפני ה'", דעריבער האבן זיך אלע מלאכים אפגעטועט פון אים, און צוריק ארויף אין הימל. ווען ר' ישראל האט דאס געהערט, האט ער זיך אוועקגעזעצט ביים טיש מיט א אימה ופחד, זיך אנגעטועט זיין אויבער-קליידונג און הוט, און צוריק אנגעהויבן צו זינגען זיינע הערליכע לידער און געזאנגען, דאן האט דער אר"י הק' ווידער געשיקט א שליח צו ר' ישראל, אז די אלע מלאכים זענען צוריקגעקומען, און זיי פרייען זיך מורא'דיג שטארק, אזוי ווי מען פריידט זיך מיט א חתן כלה, דאס אלעס האט דער אר"י הק' מיטגעהאלטן פון דערווייטנס מיט זיין רוח הקודש וואס ער האט פארמאגט.

### גודל חכמתו:

ווי באקאנט האט דער בית יוסף געוואוינט אינעם זעלבן שטאט פונעם אר"י הק', אין שטאט צפת, דער בית יוסף האט אמאל איינגעלאדענט דעם אר"י הק' צו א סעודת ראש חודש, דער אר"י הק' האט געזאגט פארן בית יוסף אז צוליב זיינע זעלטענע אפגעהיטנקייט און חומרות ביים בודק זיין פלייש, וועט ער נישט קענען עסן ביי אים פלייש, האט דער בית יוסף געענטפערט פארן אר"י הק' אז ער זאל נישט דאגה'נען איבער די פלייש, ווייל איך אליין וועל בודק זיין די פלייש און מיט א געניט אויג דורכגיין אלע חלקים פונעם עוף, כדי צו זיכער מאכן אז אלעס איז אויסגעהאלטן לויט אלע חומרות און הידורים, דערצו האט דער אר"י הק' מסכים געווען, און

אנגענומען דעם איינלאדענונג.

ווען דער אר"י הק' איז געזיצן ביים סעודה, און מען האט אריינגעברענגט די פלייש, האט דער אר"י הק' תיכף אוועקגעשטופט דער טעלער פלייש און האט דאס נישט געוואלט עסן, ווען דער בית יוסף האט דאס געזעהן, האט ער געפרעגט פונעם אר"י הק' וואס דער פראבלעם פונעם פלייש איז, און אים צוגעלייגט אז ער זעלבסט האט דאס איבערגעקוקט און אלעס איז כשר וישר למהדרין מן המהדרין, דער אר"י הק' האט תיכף צוריקגענומען דער טעלער און אנגעוויזן פארן בית יוסף אויף עטליכע שטיקלעך פלייש, זאגענדיג אז דא זענען נאך פארבליבן חלקים פון די שטיקלעך פלייש וואס ער פירט זיך ארויסצונעמען, און דערפאר קען ער דאס נישט עסן.

דער בית יוסף האט זיך גאר שטארק מצער געווען, אז ער איז נכשל געווארן מיט אט די פלייש, און נאכמער האט ער געהאט צער, אז ער האט נישט געקענט מכבד זיין דער אר"י הק' מיטן פאסיגן כבוד, פון אהערשטעלן א אויסגעהאלטענעם פלייש שחיטה, יענע נאכט איז מען געקומען צו אים פון הימל, און אים געזאגט, זאלסט זיך נישט מצער זיין אויף דעם, ווייל די פלייש איז געווען אויסגעהאלטן און באקוקט אויפן עהכסטן שטאפל וואס איז נאר שייך, מהדרין מן המהדרין מיט אלע חומרות והידורים וואס נאר מעגליך, "אבער מיט אט דער גרויסן מענטש קען מען זיך נישט באהיטן ווייל ער קען טרעפן אין פלייש, שטיקלעך פון א וואנט פון א הויז"...

## התגלותו בסתרי וסודות התורה:

אויסטערליש גרויס און אומבאגרייפבאר איז די גרויסע התגלות וואס דער אר"י הק' האט געהאט אין די סודות וסתרי התורה, אמאל שבת ווען דער אר"י הק' האט געכאפט א דרימל צו מקיים זיין דעם שינה בשבת תענוג, האט א תלמיד באמערקט ווי די ליפן פונעם אר"י הק' שעפשענען, ווען דער אר"י הק' האט זיך אויפגעכאפט האט דער תלמיד געפרעגט פונעם אר"י הק' וואס ער האט געזאגט בשעת ווען ער האט געדרימעלט, האט דער אר"י הק' געענטפערט: "גלייב מיר מיין תלמיד, ווען איך וועל זיצן מיט דיר אכציג יאר ברציפות, און איך וועל רעדן אן א אויפהער, וועל איך נאך אלטס נישט קענען דיר זאגן וואס איך האב משיג געווען, און וואס עס איז מיר נתגלה געווארן דעם שבת ביים דרימלען"...

נאך ווערט געברענגט וואס דער אר"י הק' האט זעלבסט ציטירט איבער זיינע גרויסע התגלות'ער און די סודות וסתרי התורה, ווען די תלמידים האבן אים אמאל געפרעגט פארוואס ער גיבט נישט ארויס א ספר, וואס זאל אנטהאלטן אלע הייליגע סודות אז עס זאלן נישט פארגעסן ווערן, אויף דעם האט דער אר"י הק' געענטפערט ענדליכס צו דאס אויבנדערמאנטע: "ווען אלע ימים זאלן זיין טינט, און אלע האלץ שטעקעלעך פעדערן, וואלט נישט מעגליך געווען אפצושרייבן מיין גאנצע חכמה און קענטעניס".

דער אר"י הק' האט ממשיך געווען און געזאגט פאר זיינע תלמידים, ווי מען קען זעהן דערפון עטוואס איבער די גרויסע מדריגות אין וואס דער אר"י הק' האט זיך געפינען: "ווען איך וויל אייך מגלה זיין א סוד פון די תורה, מוז איך זוכן א אויסוועג איך זאל קענען אנהייבן רעדן, ווייל ס'הייבן אן צו קוועלן אין מיר ווי א איבער פליסיגער טייך אן גרעניצן, און ס'איז נישט מעגליך אז איר זאלט פארשטיין די פילע סודות אויף איין מאל, דעריבער מוז איך בעפאר דעם עפענען א קליינער עפענונג איך זאל קענען עטוואס מגלה זיין לויט וויפיל איר קענט דערהייבן, ווען נישט וואלט איר זיך דערשטיקט, א משל צו א קינד וואס שטיקט זיך פון א איבערפלוס פון מילך וואס ער האט איינגעזויגן", עכל"ק.

## ובקרב קדושים תתהלל:

דער הייליגער חיד"א זצ"ל האט געזאגט אז ער איז זיכער אז דער אר"י הק' האט זיך מטהר געווען פונעם "אפר פרה", ווייל עס איז נישט מעגליך צו משיג זיין אזעלכע התגלות'ער אין די תורה אן זיך מטהר זיין צום ערשט.

*

אין ספר שבחי האר"י ווערט געברענגט אז דער אר"י הק' האט געוויסט אלע חכמות, און ער האט פארשטאנען די געשפרעכן פון די פייגלען, און צו דאס האט דער תלמיד רבי חיים וויטאל זצ"ל מעיד געווען, זאגענדיג, אז ער האט דאס זעלבסט בייגעוואוינט, און צוגעזעהן מיט מיין אייגענע אויגן וויאזוי ער פארשטייט די געשפרעכן פון פייגלען, און געוויקסן, גראזן, ביימער, און טייטל ביימער.

*

דער הייליגער רבי משה מקאזניץ זי"ע האט געזאגט, די אלע כוונות וואס מיר פארמאגן היינטיגע צייטן, דאס אלעס האט דער אר"י הק' משיג געווען ביי איין תפילה, אין איין טאג, און יעדער טאג פלעגט דער אר"י הק' משיג זיין פרישע כוונות, און נאר די כוונות פון איין תפילה האבן מיר זוכה געווען צו משיג זיין.

## דעת האריז"ל:

רביה"ק זי"ע פלעגט שטענדיג צו זאגן, אז דער איסור פון רעדן ביים דאווענען פון אדון עולם ביז אדון עולם איז א "איסור דאורייתא" לויטן הייליגן אר"י הק'.

***

עיקר תכלית דיבורינו מגדולת האר"י הק' הוא, שנזכה לילך בדרכיו הקדושים אשר גילה לנו, שהרי כל סודות התורה וכוונת התפילות והמצות כולם מיוסדים על דברי האר"י הק', אשר לימדם לתלמידו הק' רבינו חיים וויטאל זי"ע.

(עבו"ע שיח"ק ח"א עמוד ש"כ)

**זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**




ב"ה
לכבוד די
חשוב'ע נשים
צדקניות שיחיו
מיר ווילן אייך דא דערמאנען די דריי הייליגע תקנות, וואס רביה"ק זי"ע האט איינגעפירט,
איבער דעם נושא פון ברענגן קינדער אין שוהל
זייט די תקנות זענען געווארן אוועק געשטעלט, הענגט א טאוועל אין ביהמ"ד, ווי עס ווערט אויסגערעכנט די דריי תקנות.
עס איז מעגליך אז צוליב דאס וואס עס הענגט נאר אין מענער שוהל, דעריבער זענען די חשוב'ע נשים צדקניות נישט באוויסט מיט די תקנות, און עס קען זיך מאכן, אז די מאמעס פון ווייבער שוהל, שיקן אראפ די קינדער צו די טאטעס אין מענער שוהל.
דעריבער זענען מיר דא מפרסם די תקנות
בית המדרש הגדול
ד'קהל אור החיים ד'טאהש
א
נישט ברענגען קיין קינדער אונטער דריי יאהר.
ב
צו אכט געבן אויף די קינדער וואס מ'ברענגט אין שוהל, אז זיי זאלן שטיין נעבן די עלטערן בשעת'ן דאווענען, כדי זיי זאלן נישט שטערן דאס דאווענען.
ג
אז די קינדער זאלן נישט קומען מיט קורצע ערמעל און קורצע הויזן, נאר מיט לאנגע בגדים ווי עס פאסט פאר א בית מקדש מעט.
אין זכות פון אפהיטן אויף די קדושת ביהמ"ד, וועלן אייער תפלות זיכער נתקבל ווערן לרחמים ולרצון


בעזהשי"ת
דער פערזענליכער
הרה"ח ר' יצחק נחום האמבורגער הי"ו
שליח קודש
פון רבינו הקודש והטהור זי"ע
און יבלחט"א כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
ער שטייט גרייט איבערצונעמען אייער ווארעמע ברכה; באפעסטיגן אייער קשר מיט'ן רבי'ן; און אייך וואונטשן א ווארעמע ברכה בשם זיין הייליגער משלח רביה"ק זי"ע, וואס די מוסדות הק' אין קרית טאהש איז געווען כבבת עינו, ועינו ולבו שם כל הימים.
עס איז א
שעת הקושי"ר
שליחו של רבי למותו בחייו ובמותו
עשירי קודש להתקשר
זכות מפתח
שותפות עם רביה"ק זי"ע
להצלחה במסחר
זכות קשר נדיבים
$1,000
לחודש
זכות קשר אמיץ
$150
לחודש
זכות להתקשר
$100
לחודש

אריינצושיקן בריוון צום מדור מאנ"ש לאנ"ש

שיקט א בריוו
11 Van Buren Dr. Unit 305
Monroe, NY 10950

שיקט א פעקס
845.230.6884

לאזט א מעסעדזש אויפן קול איחוד
718.451.8674 Ext. 841


## דבריו של מת – בדידיה הוה עובדא

לכבוד מדור מאנ"ש לאנ"ש בגליון באור החיים הנהדרה.

א הערליכע בריוו איז ערשינען פארגאנגענע וואך איבער די אבן הפינה און יסוד פון די הרבצת התורה פונעם וועלט-בארימטן מגיד שיעור הרה"ג ר' אברהם שלמה יאבוי ז"ל, וואס האט זיך אנגעפאנגען אין טאהש, אסאך בארימטע מגידים איבער די וועלט האבן אין די לעצטערע וואכן דערציילט די געשיכטע, ארויסברענגענדיג יעדער זייער מוסר השכל פון די מעשה, צו ס'זאל זיין די וויכטיגקייט פון געבן א קלאפ אויפן פלייצע פון אן אנדערן וואס מ'קען נישט וויסן וואס מ'קען אלץ אויפטוהן, אדער נאך לימודים וואס מ'קען זיך לערנען דערפון.

עס איז כדאי דא מעתיק צו זיין די דבריו של מת, וואס הרה"ג ר' אברהם שלמה האט אליינס פארציילט ביי א געלעגענהייט ברבים, וויאזוי זיין התמדת התורה איז באשאפן געווארן אלס בחור'ל אין טאהש, וועלנדיג ארויסברענגען די שטארקע כח התפילה וואס א איד פארמאגט, און די וויכטיגקייט פון קיינמאל נישט אויפגעבן, האט ער דאס פארציילט בבחינת 'בדידי הוה עובדא':

**מען האט מיך געבעטן איך זאל אביסל מיטטיילן פון מיין אייגענעם עקספיריענס, האב איך געקלערט טאקע אויף דעם ענין, די גרויסע כח פון תפילה וואס איך האב געהאט, בדידי הוה עובדא. ס'איז ממש א מעשה וואס מען לייענט אין די מעשה ביכלעך, אבער איך קען ענק זאגן אז די כח פון תפילה איז נישט נאר ביי אמאליגע צדיקים, דאס העלפט פאר יעדן פשוט'ן איד ווי די גמרא זאגט.**

**איך בין געווען א בחור פון 14 יאר בין איך געפארן לערנען אויף קאנאדא אין א ישיבה, איך האב מקיים געווען הוי גולה למקום תורה. איך האב נאך קיינעם נישט געקענט דארט, איך בין געווען א פרעמדער. מען האט געלערנט דעמאלטס מסכת סוכה, די ערשטע פרק איז געווען די שיעור עיון. איין טאג באמערק איך אין די בין הסדרים, ווי א בחור, שוין א יאר עלטער פון מיר, זיצט און ער לערנט. איך געב א קוק אריין, ס'איז א פרעמדע מסכת, געב איך אים א פרעג: "וואס לערנסטו? וואס איז דאס?"**

**זאגט ער: "דאס לערן איך פאר מיר אליין".**

**זאג איך אים: "וואס? קיינער לערנט נישט מיט דיר, האסט נישט קיין יונגערמאן?"**

**"ניין, איך לערן אליין די גמרא".**

**ס'האט מיר אנגעכאפט א מורא'דיגע קנאת סופרים, וואס הייסט? מען קען אליינס אפלערנען א גמרא, ער זאגט מיר ער האט שוין געענדיגט א האלבע מסכת און ער פלאנט צו ענדיגן די גאנצע מסכת, ער גייט זיך עס פארהערן. ס'האט מיר אנגעכאפט א מורא'דיגע קנאת סופרים דעמאלטס יענע מינוט, איך האב געטראכט אז איך וויל אויך טון אזוי, איך וויל טון די זעלבע זאך.**

**אזוי ווי איך בין אלס קינד נישט געווען קיין גרויסע מתמיד, איך האב נישט געהאט קיין גרויסע רגילות אין דעם; איך האב אפגעמאכט: מען לערנט דאך יעצט מסכת סוכה די ערשטע פרק, איך וויל ענדיגן מסכת סוכה אליין, איך וועל מיר אפלערנען די איבריגע גמרא. און איך האב אנגעהויבן פרק הישן. ווער ס'ווייסט פרק הישן איז פון די גרינגסטע פרקים אין ש"ס, ס'איז באמת גרינגע גמרות.**

**איך האב אנגעהויבן צו לערנען, איך קען ממש זאגן 'ולא ידע מאי קאמר', איך האב נישט אנגעהויבן צו פארשטיין וואס דארט שטייט, איך האב נישט פארשטאנען קיין אות אחת, איך האב מיך געפלאגט, איך האב פרובירט. און עטס דארפטס געדענקן אז מען רעדט דא פון א צייט וואס דעמאלטס איז נאכנישט געווען קיין שום הילף וואס איינער האט געקענט באקומען, חוץ איינער וואס זיין טאטע האט אים געדינגען א יונגערמאן, האט ער געקענט לערנען מיט אים; ס'איז נישט געווען קיין "ארטסקרול", ס'איז נישט געווען קיין "מתיבתא", ס'איז נישט געווען קיין "קול הלשון", ס'איז נישט געווען גארנישט. יארן שפעטער איז ארויסגעקומען איין מגיד שיעור אויפ'ן טעלעפאן וואס האט געקאסט געלט און מען האט געדארפט אריינרופן, ס'איז געווען זייער שווער**

**בקיצור, איינער וואס האט דעמאלטס געוואלט לערנען האט נישט געהאט קיין שום אנדערע וועג נאר אז ער דינגט א רבי זאל לערנען מיט אים תורה, אזוי ווי ס'איז געווען אמאליגע צייטן.**

**און אזוי בין איך געזעצן איינמאל און נאכאמאל, און ס'האט מיר אנגעהויבן אנצוכאפן יאוש געפילן, איך האב מיך אנגעהויבן אליין צו באשולדיגן: זעסטו, האסט נישט**

געלערנט אזוי ווי ס׳דארף צו זיין געגנוג פלייסיג אלס קינד, ס׳וועט שוין פון דיר גארנישט ווערן, דאס איז עס, איך געב אויף. איך האב שוין פארמאכט די גמרא איינמאל, נאכדעם מארגן האב איך באקומען נאכאמאל א חשק, איך האב אנגעהויבן נאכאמאל, אבער נאכן נישט פארשטיין קיין איין ווארט בין איך געווארן מיואש. בקיצור, ס׳האט זיך נישט אויסגעארבעט.

ביז איין טאג, איך גדענק ס׳איז געווען א זומער׳דיגע שבת נאכמיטאג, בין איך געזעצן אליין אין ביהמ״ד, קיינער איז נישט דארט געווען, איך גדענק נאך היינט וועלכע גמרא איך האב געלערנט, די גמרא רעדט דארטן פון א רוח מצויה ורוח שאינו מצויה, איינער האט געמאכט א סוכה אויפ׳ן שיף און ס׳איז אוועקגעפלויגן, ׳עקיבא היכן סוכתך׳. איך קוק היינט צוריק אויף די גמרא, איך ווייס באמת נישט וואס איך האב דארט נישט געקענט פארשטיין, אבער איך האב נישט פארשטאנען קיין אות אחת. און ס׳האט מיר אנגעכאפט א מורא׳דיגע יאוש געפיל, און איך האב געהאט א מורא׳דיגע צער דערפון, און אזוי האב איך געגעבן א שיס אויס אין א געוויין; קיינער איז נישט דארט געווען, איך האב מיך נישט געהאט פון וועם צו שעמען, איך האב אנגעהויבן צו וויינען, כך היה המעשה. איך האב אנגעהויבן ביטער צו וויינען, איך קען ענק זאגן בלי שום גוזמא אז איך האב דורכגעווייקט די גמרא. נאכדעם האב איך פארמאכט די גמרא, איך בין ארויסגעגאנגען, ס׳איז געווען אין פראנט פון די ישיבה אזא רינג וואו מען קען שפאצירן, אזא שיינע רינג, איך בין געגאנגען איך האב געוויינט, און איך האב געוויינט, איך האב נישט אויפגעהערט צו וויינען, און איך האב געבעטן דעם אייבערשטן: ״וואס בין איך אנדערש ווי דער בחור, פארוואס קען ער יא לערנען און איך זאל נישט קענען לערנען?״ פשוט געבעטן אויף אידיש, מאמע לשון, האב איך גערעדט צום רבוש״ע, פארוואס זאל איך נישט קענען, איך וויל אויך קענען.

ס׳איז אריבער ממש א קורצע צייט, קומט צו צו מיר איינע פון די מגידי שיעור פון די ישיבה, זייער א ווארעמער, וואס ביז דעמאלטס האב איך נישט געהאט מיט אים קיין שום קשר, און ער האט זיך נאכגעפרעגט, ער האט געזען אז איך בין עפעס נישט אין די כלים, האט ער זיך נאכגעפרעגט: וואס גייט פאר מיט דיר? בקיצור, איך האב מיך אפגערעדט פאר אים, איך האב אים אלעס דערציילט.

האט ער מיר געזאגט: ״ווייסטו וואס, קודם כל, יעדע שטיקל גמרא ווען דו ווילסט, ווילסט איך זאל לערנען מיט דיר קען איך לערנען מיט דיר, קום מיך פרעגן וואס דו דארפסט״. ער האט מיך אנגעהויבן שטארק מקרב צו זיין, און ער האט מיר געזאגט: ״קום איך וועל דיך אריינגעמען צום טאהש׳ער רבי׳ן, וועסט באקומען א ברכה פון אים״.

און אזוי בין איך אריינגעגאנגען, איך האב מיך אפגערעדט פאר׳ן טאהשער רבי׳ן זי״ע, ער האט מיך זייער שטארק מחזק געווען, און ער האט מיר געזאגט: ״דו וועסט נאך ענדיגן אי״ה גאנץ ש״ס״, אזוי האט ער מיר געזאגט. און פאר מיר איז דאס געווען ממש אזעלכע מאדנע ווערטער, ממש, ס׳האט זיך נישט געלייגט בכלל אויפ׳ן שכל, איך האב בכלל נישט פארשטאנען וואס ער זאגט, איך האב פארשטאנען ס׳איז חיזוק, פארשטייט זיך איך האב באקומען דערפון מורא׳דיג אסאך חיזוק.

איך קען ענק זאגן, אז פון יענעם טאג און ווייטער האט זיך ממש געעפנט פאר מיר שערי חכמה, איך האב אנגעהויבן פארשטיין די הייליגע תורה פשוטו כמשמעו, איך האב נאכנישט פארשטאנען אזוי גרינטליך, אבער איך האב אנגעהויבן פשוט און פראסט, אנגעהויבן צו פארשטיין די גמרא, ממש, איך זאג ענק נישט קיין גוזמא, פון איין טאג אויפ׳ן צווייטן. ס׳קוקט אויס ווי עפעס, איך זאג ענק נאכאמאל, ווי א מעשה פון מעשה ביכל, אבער די זעלבע באשעפער וואס האט געהאלפן פאר די פריערדיגע דורות די זעלבע באשעפער האט מיר אויך געהאלפן.

און פון דעמאלטס און ווייטער, דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן, און איך האב מצליח געווען, איך האב אנגעהויבן צו פארשטיין, צוביסלעך צוביסלעך, אזוי אז איך האב מצליח געווען צו ענדיגן גאנץ מסכת סוכה ברוך השם, אין איין זמן האב איך עס געענדיגט (אינעם זעלבן זמן) גאנץ מסכת סוכה, און איך האב מיך עס פארהערט ברוך ה׳.

און שפעטער האב איך אנגעהויבן צוצולייגן, איך האב גענומען מסכת ברכות, וואס אגב, וועלכער בחור ס׳נעמט זיך אונטער אזא מין זאך צו לערנען א מסכתא פאר זיך אליין בין איך ממליץ ער זאל נעמען מסכת ברכות, פארשטייט זיך די חז״ל זאגן עבודה זרה דף י״ט, אז לעולם ילמוד אדם מה שלבו חפץ, פארשטייט זיך אז איינער האט חשק צו א צווייטע מסכתא זאל ער נעמען א צווייטע, אבער טאמער זוכט ער א מסכתא וואס וועט אים אמת׳דיג געבן ידיעות, - איך קען ענק זאגן ווען איך האב געענדיגט דעמאלטס מסכת ברכות, [דאס האב איך שוין געלערנט מיט א חברותא, מיט א צווייטן בחור, אונז האמיר זיך פארהערט צוזאמען] האמיר צום סוף געמאכט איין טאג צווישן זיך: לאמיר זיך פארהערן איינער דעם צווייטן. און איך האב געזאגט פאר דעם בחור: יעצט קענסטו מיר זאגן וועלכע ווארט דו ווילסט, א ׳דאך׳, א ׳פלאר׳, א ׳בענקל׳, א ׳טיש׳, און איך וועל דיר זאגן א גמרא אין מסכת ברכות אויף דעם.

און אזוי איז טאקע געווען, ער האט אנגעהויבן צו זאגן א ׳פערד׳, האב איך אים געזאגט די גמרא דארטן, הרואה - אז איינער זעט א סוס לבן, און אזוי האט ער מיר אנגעהויבן צו זאגן נאך זאכן, אזוי האמיר זיך פארהערט איינער דעם צווייטן, און ס׳איז געווען אזא תענוג, עטס קענטס ענק נישט פארשטעלן די שמחה און די תענוג וואס א מענטש האט ווען ער גדענקט אפילו נאר איין מסכתא, יעדע מאמר וואס דארטן שטייט. ס׳איז מלא וגדוש מיט ידיעות; אין מסכת ברכות איז דא טויזנטער און טויזנטער שטיקלעך וויכטיגע זאכן, זאכן וואס זענען עצות פאר׳ן לעבן, הלכות, מורא׳דיגע שיינע זאכן.

**און אזוי ברוך ה' האט דער אייבערשטער געהאלפן אז נאך אנדערהאלבן יאר וואס איך האב געלערנט דארטן אין ישיבה בין איך ארויסגעגאנגען ותלמודו בידו ברוך ה' מיט 400 בלאט גמרא אין איינס און א האלבע יאר.**

**שטעלטס ענק פאר, ווען איך זאל מיך ווען מכניע זיין צו דעם יאוש געפיל וואס די יצר הרע האט מיר פארגעלייגט, איך זאל אפמאכן טאקע: "איך פארמאך די גמרא, איך האב נישט געלערנט אלס קינד, פון מיר וועט שוין גארנישט ווערן", וואלט דאך עס געווען א מורא'דיגע בראך פאר מיר, איך וואלט קיינמאל אפילו נישט געוויסט וואס איך האב פארפאסט.**

ב. צ. מאנס

## ממנו תצא תורה - אין טאהש'ער ישיבה איז מען זיך קונה שלימות

א גוטן די חשובע מערכת. איך האב געליינט דעם שבת די בריוו איבער הרה"ג ר' אברהם שלמה יאבוי ז"ל, און איך האב באמערקט די עולם האט שטארק הנאה געהאט דערפון, הלואי איז דא אפטער אזלעכע סארט בריוון, וואס מאנ"ש לאנ"ש איז דאך געמאכט פאר דעם, זיך צו לאזן הערן ווי בשבת אחים גם יחד.

איך האב געהערט צולייגן, אז די חיזוק פון הייליגן רבי'ן צו ר' אברהם שלמה אלס בחור איז געווען אויף אזוי ווייט, אז שבת ביים מיטאג טיש האט אים דער רבי ארויפגעשיקט שיריים, זאגנדיג אז דאס איז פארן בחור וואס גייט ענדיגן ש"ס. און דאס איז נאך פאר ער האט טאקע אנגעקומען און פארשטאנען אסאך, דאס איז נאר געווען על שם העתיד... און שפעטער איז ער טאקע אויסגעוואקסן וואס ער איז אויסגעוואקסן.

איך האב גערעדט צו הרה"ג ר' חיים ברוך לייפער שליט"א, דעמאלטסדיגע מגי"ש אין ישיבה, זאגט ער, אז ער איז גראדע געווען מגי"ש פון די אנדערע כיתה, אבער ער געדענקט טאקע די מעשה, ווי ער האט געגעבן אן אפענע טיר צו אים, און ער האט אים אריינגעברענגט צום הייליגן רבי'ן, און וויאזוי ער האט זיך טאקע גענומען לערנען, און ער איז אויסגעוואקסן וואס ער איז אויסגעוואקסן.

רעדנדיג איבער די תלמידים וואס איז ארויסגעקומען פון דא אין טאהש, איז פאסיג צוצולייגן וואס איך האב אויך געהערט פון הרב ר' חיים ברוך א מורא'דיגע זאך איבער די גדלות פון די "טאהשער ישיבה" (אגב איז טאקע אינטערעסאנט צוצולייגן, אז ווען דער רבי האט קורא שם געווען די ישיבה נאך וואוינענדיג אין מאנטריאל, האט דער רבי א נאמען געגעבן "אור החיים טאהשער ישיבה", און אזוי פלעגט שטיין אין די ערשטע צייטן אויף די לעדערהעטע ווער ס'געדענקט).

פארציילט ער וואס ער געדענקט אמאל אלס בחור אין ישיבה, ווען ס'איז עפעס געווען א מצב רוח אין ישיבה אוועקצופארן צו אנדערע מ'כלומר'שט בעסערע ישיבות וואס מ'לערנט מער, מיטן אויסרייד אז מ'וועט זיך ערגעץ אנדערש מער משלים זיין וכדו', ס'איז געווען סוף יאר תש"ל, אדער תשל"א, האט דער הייליגער רבי זי"ע זיך אופגעשטעלט רעדן אין ישיבה פאר די בחורים, זאגנדיג אז פון דא ברויך מען נישט אוועקצופארן, מ'קען דאך דא אויך אלעס קונה זיין, און בתוך הדברים האט דער רבי געזאגט בזה"ל: "**איך זאג ענק צו, אז קיין איינער וואס איז פון דא אוועקגעפארן, האט זיך גארנישט מער קונה שלימות געווען ווי ער וואלט ווען געבליבן דא**".

און דער רבי האט געזאגט אויף דעם, אז ער מיינט נישט זיך, און נישט פאר דעם זאגט ער עס און ער וויל מען זאל דא בלייבן, נאר אלעס פארן אייבערשטן און פאר די אבות הק', זאגנדיג: "**העטער געמיינט מיך איין רגע, וואלט שוין לאנג דא גארנישט געווען**".

ס'איז געווען א לאנגע דרשה פון א האלבע שעה, דער רבי האט אויסגעשמועסט די תכלית פארוואס ער האט געמאכט די ישיבה, אז מ'זאל קענען לערנען תורה בקדושה וטהרה, מ'זאל נישט דארפן גיין אין ערגעץ, אלעס זאל זיין אינעם זעלבן בנין, דער רבי האט געזאגט "**איך האב געזעהן וויאזוי די גאס זעהט אויס, בין איך ארויסגעגאנגען אינדרויסן פון די שטאט אין אויפגעשטעלט א ישיבה, אז מ'זאל קענען לערנען תורה בקדושה וטהרה, און איך האב אלעס געמאכט אין איין בנין, אז א גאנצן זמן זאל א בחור נישט דארפן ארויסגיין אפי' איינמאל אין די גאס**".

ר' חיים ברוך האט צוגעלייגט אז רעדנדיג צו אנדערע וואס האבן דעמאלטס געלערנט אין ישיבה, געדענקן זיי נאך גוט די דרשה, ווייל ס'איז אריין דעמאלטס אין די ביינער די ווערטער פון רבי'ן, מ'האט געזעהן ממש אז דאס איז געגאנגען פארן רבי'ן בנפשו, די ווערטער האבן דאן עושה רושם געווען אויף אזוי ווייט, אז יענע זמן איז מען נישט אוועקגעפארן לערנען ערגעץ אנדערש, אפי' די פראצענט וואס מאכט זיך אייביג אז בחורים טוישן ישיבה איז אויך נישט געווען.

איך וואלט געענדיגט מיט א געדאנק וואס איך האב געטראכט, איבער ר' אברהם שלמה, אז ער האט טאקע געלערנט אין טאהש נאר ארום אנדערהאלבן יאר, אבער פון דא איז אלעס ארויסגעגאנגען, דא האט ער זיך קונה שלימות געווען. בדרך אפשר וואלט איך געזאגט "ממנו תצא תורה", פון טאהש איז תצא תורה פאר אלע תלמידים וואס האבן זיך געדרייט ביני עמודי דגירסא. און אין דעם זכות, איז ממנו, פון ר' אברהם שלמה, תצא תורה פאר כלל ישראל אין די גאנצע וועלט, אפי' פאר די וואס האבן נישט געלערנט אין טאהש...

איך וויל צוענדיגן מיין בריוו איבער וואס מ'זעהט בחוש ביז היינט, און יעדער קען דאס מעיד זיין, אז די חשוב'ע אינגעלייט, די וואס הייבן אונזער שטעטל, און אונזערע קהילות די בכל אתר ואתר, זענען טאקע די וואס האבן געלערנט די בחורישע יארן בישיבתינו הק', און טאקע דא האבן זיי קונה שלימות געווען בכל הענינים.

(-) טאהש

# דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע זיך געמיהט פאר זיין אייניקל

איך וואלט געוואלט מיטטיילן דא א מורא'דיגע מעשה וואס עס האט פאסירט אין די לעצטערע וואכן, ביי א נסיעה לרגל די יומד"ק פון הייליגן עטרת צבי זי"ע קיין זידיטשוב, א גרופע אידן אינאיינעם מיט הרה"צ אדמו"ר מזידיטשוב פרעמיסלא שליט"א. מיט די נסיעה איז מיטגעקומען הרה"ח ר' מענדל אדלער הי"ו וואס פירט שוין אן הונדערטער נסיעות לאנגע יארן ביי קברי צדיקים אין אייראפע.

ווי פארשטייט זיך ביי יעדע נסיעה וואס מ'פארט אויף קברי צדיקים, שלאפט מען נישט א גרויס חלק פון די נסיעה, סיי וויפיל שלאפט מען שוין אויפן פליגער, און אוודאי און אוודאי אויף א באס קען מען נישט שלאפן ווי געהעריג. ביי דעם נסיעה איז אויך נישט געווען אנדערש. מ'איז ארויסגעפארן מיטוואך פון ניו יארק, און אנגעקומען דאנערשטאג קיין ווארשא פוילן, און מ'האט געדארפט זיין אין ליזענסק אויף שבת. דאנערשטאג איז מען געפארן קיין ראדאשיץ, רימינוב, און דערנאך – שוין שפעט אויפדערנאכט-פרייטאג פארטאגס – איז מען געווען אין דינוב, און פון דינוב האט מען געדארפט פארן קיין ליזענסק.

אויפן וועג פון דינוב קיין ליזענסק פארט מען אדורך די שטאט לאנצוט ווי עס ליגט דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע, אבער ס'איז נישט געווען אויפן סקעדזשועל צו מאכן בכלל א סטאפ אין לאנצוט, דער עולם איז געווען אויסגע'הרג'עט, מען האט שוין נישט געהאט קיין בעט פאר צוויי טעג. אבער אינמיטן וועג האט ר' מענדל אדלער אויסגערופן אז עס איז דא אן עמערדזשענסי, עס איז דא א ראפשיצער אייניקל וואס ער דארף האבן א לעבער טרענספלענט. דער איד האט שוין געהאט אזא טרענספלענט פאר צען יאר צוריק, אבער לעצטנס האט עס אויפגעהערט צו ארבעטן, ער האט געדארפט עמוירדזשענסי האבן נאכאמאל א ליווער טרענספלענט.

א ליווער טרענספלענט איז זייער א קאמפליצירטע זאך, און נאכמער ווייל ער האט שוין געהאט איינמאל, ממילא וויבאלד די פאריגע טרענספלענט איז געווען אומסוקסעספול (אזוי צו זאגן...), זענען זיינע טשאנס'ן דורכצומאכן נאך איינס געווען אביסל ווייניגער. און ווי באקאנט איז מורא'דיג שווער בכלל אנצוקומען צו קענען באקומען א לעבער פון אן אנדערן, איז אוודאי דא איז געווען ביטער שווער צו טרעפן א לעבער וואס זאל שטומען מיט זיין בלוט, און נאכדערצו ווען די ערשטע איז דאך נישט געווען אזוי פאסיג סוף כל סוף. די דאקטוירים האבן געזאגט אז אויב האט ער נישט ביז א פאר וואכן א נייע לעבער, וועט ער נישט זיין בתוכינו.

האט ר' מענדל אדלער זייער געבעטן, אז ער וויל מאכן א מנין צו אויסזאגן גאנץ תהילים אין לאנצוט, און ער איז גרייט צו באצאלן גאנצע $250 פער יעדעם וואס וועט זיך משתתף זיין אין די מנין. די אמת איז אז ווען מ'דארף א בעט אזוי וויכטיג איז עס נישט ווערד די געלט, אבער למעשה האבן זיך בדוחק צוזאמגעקראצט אפאר בחורים וואס פאר געלט האבן זיי מסכים געווען, צום סוף האט זיך אויך צוגעשטעלט נאך עטליכע אינגעלייט און אויך זידיטשוב פרעמיסלא רבי שליט"א, וואס אפי' זיי האבן נישט געדארפט די געלט, איז זיי אבער צוגעגאנגען די מעשה צום הארץ, און מען האט געוואלט טון א טובה פאר א איד. קיינער פון די נסיעה אויסער ר' מענדל האט נישט געקענט דעם איד, אבער מען האט געהערט אז א איד איז אין אזא מצב, און ער איז א ראפשיצער אייניקל, וועט מען מיט מסירת נפש גיין אויסזאגן תהלים.

מ'איז טאקע אראפ אין לאנצוט א קארגע 15 אידן, און מען האט אנגעפאנגען מיט א פרישקייט גאנץ תהלים, ס'איז געווען פרייטאג פארטאגס, נאך צוויי טעג נישט שלאפן, אויסגע'הרג'עט איז נישט דאס ווארט, און מען שטעלט זיך מיט א פרישקייט זאגן תהילים, מ'איז טאקע כמעט איינגעשלאפן שטייענדיגערהייט, אבער מען האט אויסגעזאגט גאנץ תהילים, מיט מסירת נפש ממש. נאך תהילים האט מען געזונגען אפאר ניגונים, און מען איז געפארן אויף ליזענסק מיט עטליכע טעקס'ס אויף שבת.

די דאנערשטאג דערנאך, פונקטליך איין וואך נאך די מעשה, האט דער איד ברוך ה' באקומען א ליווער טרענספלענט, א געזונטע פרישע לעבער. א מופת פון אידן וואס האבן זיך מוסר נפש געווען צו זאגן תהילים פאר א צווייטע איד! און יא, אויך היינטיגע צייטן זעהט מען ווי די צדיקים פון אויבן מיען זיך פאר כלל ישראל.

י.א.ה. קרית טאהש

# ווען האט דער רבי גערעדט די גרויסקייט פון זיינע טישן?

איך האב געוואלט פרעגן צי איינער געדענקט פונקטליך וועלכע יאר עס האט פאסירט, די מעשה ווען דער הייליגער רבי זי"ע האט זיך אויסגעגליטשט אויף די שניי אין א ווינטער'דיגע ערב שבת, און צובראכן די פיס, און ביים טיש פרייטאג צונאכטס האט דער רבי דעמאלטס גערעדט ווערטער וואס ער האט קיינמאל אין אנדערע צייטן נישט גערעדט אזוי, איבער די גרויסקייט פון די טישן, די יראת שמים וואס מען קען זיך אנשעפן פון זען און ערליכע איד א צדיק, און נאך. אויב איינער געדענקט וועלכע יאר ס'איז געווען, און וואס אלץ דער רבי האט געזאגט. א גרויסן יישר כח.

א.ט

# במקהלות

נייעס, באריכטן און אנטוויקלונגען, אינערהאלב

**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**

צווישן מקהלת אנשי שלומינו ברחבי תבל

ישיבה קטנה תפארת משולם פייש - ניו יארק:

## פייערדיגע קול תורה הילכעט אף בהיכל ישיבתינו הקדושה מבוקר עד הערב

אין די יעצטיגע וואכן קומט פאר א גרויסע חזרת הלימודים, וואו בחורי ישיבתינו הקדושה חזר'ן איבער גאנצע פרקים פון מסכת שבת וועלכע איז געלערנט געווארן דעם זמן בהיכל הישיבה.

די גאנצע ישיבה חזר'ט איבער פרק במה טומנין וועלכע איז געלערנט געווארן גמרא רש"י תוספות עם ראשונים ואחרונים, ביים שיעור עיון, און איז נתברר ונתלבן געווארן מיט א געוואלדיגע יגיעת התורה דורך די בחורי ישיבתינו.

נאך די יעצטיגע חזרה פון שיעור עיון וועט מען בע"ה לערנען ווייטער די צווייטע העלפט פון פרק כירה, וואס מ'האט שוין געלערנט שיעור עיון בזמן החורף, דערמיט וועט מען האבען געלערנט, גע'חזר'ט, מסיים געווען און קונה געווען מיט א קנין גמור בע"ה די גמרא פון גאנץ הלכות שהיה והטמנה בהלכות שבת החמורים.

וואו אויך ביים שיעור פשוט, חזר'ן שיעור א' און ב' איבער יעצט פרק שמונה שרצים, און שיעור ג' חזר'ט איבער פרק ואלו קשרים.

די אלע חזרות ווערן פאראהערט מיט בחינות בכתב יעדע כיתה באזונדער דורך די חשובע רמ"י הישיבה שליט"א, און דערנאך וועט פארקומען בע"ה א גרעסערע בחינה בשקליא וטריא.

ווי אויך חזר'ן די בחורים אין אנדערע זמנים די פאריגע פרקים וועלכע איז שוין געלערנט געווארן, און מ'פאראהערט זיך כסדר ביים ספעציעלן בוחן הישיבה הרה"ג ר' דוד שטערן שליט"א ר"מ, וועלכער איז כסדר מחזק די בחורים און באגלייט זיי מיט א געטריישאפט.

ווי אויך איז ארויסגעגעבן געווארן דורכן חשובן מנהל שליט"א א ספעציעלן סדר ערב איבערצו'חזר'ן יעצט פרק מי שהחשיך, אזוי ארום האלטן די חשובע בחורים שוין אויפן וועג פון מסיים זיין און קונה זיין בע"ה גאנץ מסכת שבת דעם סוף זמן הבעל"ט.

**גדלו והצליחו וגם עשו פרי למעלה בע"ה**

ישיבה גדולה אור החיים ד'טאהש

## דערהויבענע סעודת רעווא דרעווין אויף א פריוואטע פארנעם

פארלאפענע שב"ק פר' חקת בעת ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א האט געוויילט מחוץ לעיר למנוחת הנפש, האבן די תלמידי הישיבה געפראוועט אויף א פריוואטע פארנעם א דערהויבענע שלש סעודות אינאיינעם מיט די חשוב'ע מגי"ש ורמ"י הישיבה שליט"א.

בעת די של"ש האט אויפגעטרעטן בדברי חיזוק והתעוררות הרה"ג רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א ר"מ ומשפיע בישיבה, וועלכע האט משמיע געווען שטארקע דיבורים פאר די תלמידי הישיבה, און במתק לשונו האט ער אויפגעפאדערט פון די תלמידים ווייטער אנצוגיין בלימוד ובהתמדת התורה, ובעבודת התפלה, ובעבודת המידות ביתר שאת וביתר עוז, און אינצווישן האט מען געזינגען ווארימע ניגונים וועלכע האט זיך פארצויגן פאר לאנגע שעות אריין אין מוצאי שבת.

## חזרת הלימודים

אין די יעצטיגע וואכן שטייענדיג שוין נענטער ווי ווייטער צום ענדע פונעם זמן ווען מ'גרייט זיך צו פארלאזן די ישיבה ווענט מיט א פרישן אוצר פון צענדליגע בלעטער גמרא וסוגיות הש"ס, און צענדליגע סימני הלכה וידיעות, קומען פאר גרויסע חזרות ווי ביי יעדע סדר באזונדער און יעדע שיעור באזונדער האבן א ספעציעלע סיסטעם פאר די סדר החזרה.

די פארלאפענע דאנערשטאג פר' פנחס זענען די תלמידי הישיבה אינאיינעם ארויסגעפארן צו מחנה מוסדות בעלזא ד'מאנטריאל, ווי בנאות דשא על הרי מנוחות איז פארגעקומען א ספעציעלע סדר שעות רצופות איבערצו'חזר'ן גאנץ סימן צ"ב פון הלכות בשר וחלב.

בעפאר די סדר הלימוד האט אויפגעטרעטן די מגי"ש לשיעור ב' הרה"ג רבי יונה פישער שליט"א, מו"ץ, וועלכע האט ארויסגעברענגט אז יעדע בחור האט די ריכטיגע כוחות צו חזר'ן און קענען געדענקן די וויכטיגע הלכות על בוריו, און יעצט ביי חזרה איז די צייט ווען מ'נעמט צוזאם אלע הלכות וואס מ'האט געלערנט און מען איז זיך

עס מסדר אויף א אופן פון געדענקן לנצח נצחים. פאר די קומענדיגע עטליכע שעה האט די היכל הביהמ"ד געדונערט מיט א אפהילכיגן קול תרה הולך וחזק עד מאוד, ווי די בחורים האבן איבערגע'חזר'ט די לימודי הלכה און עס קונה געווען כמונח בקופסא.

נאך די סדר הלימוד ביים זיך צוריקקערן קיין קריתינו הק' בהיכל הישיבה, איז פארגעקומען א ספעציעלע מעמד שחיטת העופות, ווי מען האט מקיים געווען דעם לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, נאכדעם וואס די תלמידי הישיבה האבן אין די לעצטערע טעג געלערנט אין סימן פ"ז די הלכות פון 'ביצים הנמצאים בעופות, אם הם גמורות דהיינו שיש להם חלבון וחלמון, ואם הוא מעורה בגידים', און דאס יעצט לעבעדיג מיטגעהאלטן.

דער שוחט הרה"ג ר' אשר לעמיל פעלבערבוים שליט"א האט צוגעוויזן די שחיטה מעסער'ס און געגעבן די געלעגנהייט פאר די בחורים המצויינים עס צו בודק זיין כדת וכדין, און דאן האט מען גע'שחט'ן 3 תרנגולים, און אינאיינעם מיט'ן בעל מכשיר הרה"ג רבי אלעזר דוד קאהן שליט"א, מו"ץ ונכד רביה"ק זי"ע, האט מען צוגעוויזן פאר די בחורים די מציאות'ן פון די ביצים במעי אמו, און די חלבון וחלמון און די גידים, און אלעס ארום וואס מען האט געלערנט אין שולחן ערוך.

נאך די שחיטת העופות האט מען פארקויפט די זכותי כיסוי דם ווי יעדע איינע פון די 3 זכותים זענען אפגעקויפט געווארן דורך 3 באזונדערע תלמידים מצויינים פאר קרוב צו 200 שעות לימוד התורה ביז'ן יומדהל"ק ז"ך אב הבעל"ט.

דאן האט מען אריבערגעטראגן די פלייש צום בוטשער המהודרת אין קריתינו הק', ווי די תלמידי שיעור ג' וועלכע האבן אין די פארגאנגענהייט זיך פארהערט הלכות מליחה האבן געזאלצן די פלייש, און מען האט צוגענדיגט די איבריגע מלאכות ווי בראטען די לעיבער א.א.וו.. און דערנאך האט מען געהאט די זכי' אז די פלייש זענען געווען עולה על שולחן מלכים ביי די סעודה פון מרן רבינו שליט"א אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה ליל שב"ק העעל"ט, ווי די רבי האט צוגערופן די 3 תלמידים וועלכע האבן אפגעקויפט די זכות כיסוי דם ללימוד שעות רצופות, און געגעבן פאר זיי די שיריים כאות הוקרת חיזוק.

## שיינע מלוה דמלכה געפראוועט בהיכל הישיבה

בעת די סעודות מלוה דמלכה משך די ווינטער שבתים, טרעט אויף אחד מהחסידים וועלכע פארציילן עובדות וסיפורים פון די יארצייטן וואס געפאלן די קומענדיגע וואך, און אויך פערזענליכע און אינטערעסאנטע עובדות וסיפורים פון רביה"ק זי"ע, אזוי אויך בלילי שבתות ווען רבינו שליט"א פירט די גאנצע טיש ברוב עם, ווערן אנגעפירט די סעודות דורך די מגי"ש ומשפיעים ואורחים החשובים, ובני וחתני רבינו שליט"א.

די פארלאפענע שב"ק פר' פנחס האט געווײלט בצל הקודש כ"ק אדמו"ר מ'קוזמיר שליט"א פון ארץ הקודש, דעריבער האבן די תלמידי הישיבה געהאט א זכי' אז די קוזמיר'ע רבי האט געגעסן אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה די סעודה מלוה דמלכה, טראץ די שפעטע שעה פון מוצ"ש.

די קאזמיר'ע רבי וועלכע איז באוויסט מיט זיין כח הנגינה האט אויסגענוצט די געלעגנהייט און אויסגעלערנט פאר די תלמידים אלטע הייליגע ניגונים פונעם אלטן היים, און אינצווישן אויך אריינגעפלאכטן ווארימע חיזוק ווערטער פאר די בחורים צו שטייגן בתורה ועבודה בדרך העולה בית קל.

## תלמידי הישיבה מיטגעהאלטן דערהויבענע מסע הקודש

מיט א אומבאשרייבליכע התעוררות האבן די תלמידי הישיבה געהאט די דערהויבענע זכי' מיטצוהאלטן די התרוממות'דיגע מסע הקודש צום עיר האבות טאהש אונגארן די פארלאפענעם כ"ח סיון העעל"ט, נאך לענגערע הכנות פון התמדת התורה ולימוד שעות רצופות.

די תלמידים האבן געהאט די זכי' און געלעגנהייט מיטצוהאלטן די נסיעה נאך א לענגערע ימי הכנה ווי מען האט זיך צוגעגרייט צו די ימים הנעלים והנשגבים דורך לערנען בהתמדה און חזר'ן די לימודי השנה, און אזוי אויך האבן די חשוב'ע רמ"י הישיבה אויפגעפלאמט די הערצער בדברי התעוררות והכנה צו די געהויבענע מאמענטן.

דאנערשטאג בעפאר די נסיעה איז פארגעקומען בהיכל הישיבה א ספעציעלע דרשה כהכנה לקראת הנסיעה, ווי עס האבן אויפגעטרעטן הרה"ג המנהל שליט"א און הרה"ג יששכר דוב מאירוביץ שליט"א, ווי ביידע צוגלייך האבן אויסגעשמועסט מפי ספרים וסופרים די גדלות הענין פון גיין צו קברי צדיקים און וואס און וויאזוי מען דארף בעטן, און אזוי אויך ארויסגעברענגט שטארקע שטריכן און ענינים מבעל ההילולא רבינו השרף זי"ע.

עקסטער האט אויך אויפגעטרעטן הרה"ח ר' אלי' שפיטצער הי"ו - וועלכע האט אויך מיטגעהאלטן די גאנצע נסיעה און פארציילט שיינע ענינים וסיפורים כל אורך הדרך - און האט ברוב ידיעותיו אין נסיעות לקברי צדיקים פאר-אויסגעשטעלט די פלענער פאר די בחורים ווי מ'וועט זיך משתטח זיין במשך די נסיעה.

במשך די נסיעה האבן די תלמידי הישיבה מיטגעהאלטן אלע דערהויבענע מעמדים אין עיר האבות טאהש און אין שטאט ליזענסק, און זיך דערמיט אנגעשעפט טללי חיות והשפעות אויף א גאנץ לעבן, און עקסטער האבן די בחורים אויך געהאט די געלעגנהייט זיך צו משתטח זיין ביי נאך קברי צדיקים, ווי על אם הדרך האט מען כסדר געהערט ווארימע דברי התעוררות פון די חשוב'ע רמ"י הישיבה, ובתוכם הרה"ג המנהל שליט"א, הרה"ח אלי' שפיטצער שליט"א.

אזוי אויך איז מטעם הנהלת הישיבה ספעציעל געדרוקט געווארן א קונטרס ובלכתך בדרך וואס האט ענהאלט אין זיך אלע לימודי הישיבה, צווישן זיי, לתלמידי שיעור ג': הל' שבת סימן שי"ח-הל' מליחה-גמ' מס' ראש השנה, לתלמידי שיעור ב': לימודי חזרה למסגרת חיינו-לימודי חזרה למסגרת קנין שלם, און אזוי אויך די לימודי גמרא אין מס' בבא בתרא און די לומדי הלכה בהלכות בשר וחלב וואס מען האט דאן געהאלטן אינמיטן לערנען בין כותלי הישיבה, און אזוי האט מען ריכטיג מקיים זיין די ובלכתך בדרך. אויך איז פארטיילט געווארן א ספעציעלע קונטרס בעניני סיפורי צדיקים ועניני שמירת עינים.

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

מטות מסעי - תשפ"ה לפ"ק

## דאנערשטאג פר' בלק

דאנערשטאג ערב ט"ו תמוז, אלס הכנה צום יומדהל"ק פון רבינו האור החיים הקדוש זי"ע, האט רבינו שליט"א געדאווענט א התעוררות'דיגע תפילת מנחה אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה מכינה, אינעם היילגן בית המדרש הפרטי פון רבינו הקדוש זי"ע, בבנין ביהמ"ד הגדול. פארן עמוד האט געדאווענט הב' אהרן קאהן ני"ו, נכד רבינו שליט"א. נאך מנחה האט דער רבי משמיע געווען קורצע דברות קודש פאר די טייערע תלמידים

ארום 6:00 האט רבינו שליט"א משמיע געווען דברות קודש והדרכה לזמן הקיץ, פאר תלמידי ישיבותינו הקדושות ישיבה קטנה און ישיבה גדולה, בהיכל ביהמ"ד הגדול, משולב בדברי מוסר וחיזוק בתורה תפלה גמילת חסדים, קדושה וטהרה ומידות טובות.

דערנאך איז מען ארויף צום ציון הקדוש פון רבינו הקדוש זי"ע ברוב עם הדרת מלך און אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים מיט גרויס התעוררות און השתפכות הנפש, און דערנאך האט דער רבי משמיע געווען ברכת הקודש.

ארום 9:00 איז דער רבי אריינגעקומען צום עריכת שלחן הטהור סעודת הילולא קדישא בהיכל ביהמ"ד הגדול, דער רבי האט געצינדן ליכט, זיך געוואשן צום סעודה, און מען האט געזינגען ווארימע ניגונים. אויפן אויבן אן האבן באשיינט כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, בני וחתני רבינו שליט"א, ונכדי רביה"ק זי"ע.

במשכ'ן סעודה האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' פנחס ארי' גרינוואלד הי"ו און הרה"ח ר' שלום יחיאל מיכל ארגעל הי"ו צו דערציילן סיפורים וזכרונות פון די בראשית יארן, ווען די שטעטל איז געקויפט געווארן בשייכות מיטן בעל הילולא זי"ע, ובכלליות דאס התדבקות פון רביה"ק צום אוהח"ק זי"ע. דערנאך האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' יודא לייב לעפלער הי"ו פון מאנטריאל, שיר המעלות הב' יואל בינער ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

## עש"ק פר' בלק

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די אפשערן'ס פון די צווילינג קינדער פון הר"ר חיים סג"ל קרויס שליט"א ר"מ בישיבה גדולה, און פאר די זון פון העסקן הדגול מוה"ר מנחם משה עקשטיין הי"ו. דער רבי האט אפגעשוירן די האר, אנגעטון קאפל און ציצית, געבענטשט די קינדער, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

## שבת קודש פר' בלק

שב"ק האט דער רבי געפראוועט אויף א פריוואטן פארנעם צווישן די בערג אין קאנטרי.

## מאנטאג פר' פנחס

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר חיים נחום מערמעלשטיין הי"ו, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

נאכמיטאג איז פארגעקומען א לענגערע אסיפה איבער די שטארקע פארשריט פון די נייע ישיבה גדולה תורת משולם פייש אין ניו יארק. ובפרטיות איז אויסגעשמועסט געווארן דאס אויפנעמען די נייע רמ"י הישיבה, הגאון דומ"ץ קהלתינו בקרית יואל שליט"א אלץ ר"מ סדר שולחן ערוך אסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, און הרב הגאון רבי יואל גאנדעל שליט"א אלץ ר"מ סדר שיעור עיון.

דער רבי האט אנגעוואונטשן ברכת קדשו, ס'זאל זיין בכחו ובזכותו פון רבינו הקדוש זי"ע מיט א שטארקע הצלחה וסייעתא דשמיא.

## שבת קודש פר' פנחס

בערך 15 מינוט פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד, די לעכט לע"נ רביה"ק זי"ע, געצינדן די נרות שבת, דערנאך געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

א שטיק צייט נאכן דאווענען איז דער רבי איז אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים. מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הרה"ח ר' שלמה לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג

במשכ'ן סעודה האט דער רבי מכבד געווען הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א אויפצוטרעטן פאר די בחורים, און כ"ק אדמו"ר מ'קאזמיר שליט"א צו זינגן א זמר.

ביי די פלייש האט דער רבי טועם געווען פון די פלייש וואס איז גע'שחט'ן געווארן ערב שבת, און די תלמידי הישיבה האבן געזאלצן און כשר געמאכט די פלייש, נאכן לערנען הלכות מליחה, דערנאך האט דער רבי פארטיילט שיריים פאר אלע תלמידי הישיבה.

שפעטער ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול, זענען מכובד געווארן מיט די זמירות: הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א, בן האדמו"ר מ'קאזמיר שליט"א, הרה"ג ר' יעקב יוסף וואזנער שליט"א דומ"ץ סקווירא, הרה"ג ר' יודל שפיטצער שליט"א פון מאנטריאל, אב"ד ראדאשיץ שליט"א פון קרית יואל, הרה"ג ר' יואל אפענהיים שליט"א פון קרית יואל.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'קאזמיר שליט"א. שיר המעלות הב' ישעי' ארי' לייב הערשקאוויטש נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, פסוקי דזמרה האט געדאווענט מוה"ר יצחק לוי פרושינובסקי הי"ו פון מאנסי, צו שחרית איז צוגעגאנגען הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א מנהל בית צירל.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה"ג ר' חיים לייב כהנא שליט"א, לוי הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א, שלישי הרה"ג ר' יצחק יודא משה גוטמאן שליט"א מו"ץ, רביעי הרה"ג ר' יודל שפיטצער שליט"א, חמישי מוה"ר יצחק לוי פרושינובסקי הי"ו, ששי כ"ק אדמו"ר מ'קאזמיר שליט"א, שביעי הרה"ח ר' שלמה לאנדא הי"ו, הוספות הר"ר אשר ענזיל גוטמאן הי"ו פון בארא פארק, דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, בן האדמו"ר מ'קאזמיר שליט"א, הרה"ג ר' יואל אפענהיים שליט"א פון קרית יואל. אחרון הרה"ג ר' יעקב יוסף וואזנער שליט"א דומ"ץ סקווירא.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, און מפטיר האט עולה געווען הבחור הבר מצוה בן מוה"ר יהוסף וואלף מערמעלשטיין הי"ו. הגבה מו"ה שמעון ראטענשטיין הי"ו, גלילה הב' בן הרה"ח ר' שלמה לאנדאוי הי"ו.

דער רבי האט געבענטשט ראש חודש מיט גרויס התעוררות, און צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' חיים לייב כהנא שליט"א. פתיחה צו אנעים זמירות מו"ה שמעון פלאהר הי"ו פון קרית יואל.

⋄

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים, אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מו"ה שלום פולטמאן הי"ו פון מאנטריאל.

אז ביום השביעי הרה"ח ר' שלמה לאנדאוי הי"ו, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' יודל שפיטצער שליט"א פון מאנטריאל. שיר המעלות הב' אהרן משה לאבין נ"י פון מאנטריאל.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

⋄

שבת נאכמיטאג האט הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען מוה"ר יצחק לוי פרושינובסקי הי"ו, די עליות האבן עולה געווען ראשון רבינו שליט"א, שני מוה"ר שמואל מאיר מאירוביץ הי"ו, שלישי החתן יצחק אייזיק וועבערמאן נ"י תלמיד ישיבה גדולה, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, גלילה מו"ה אהרן ראכמאן הי"ו פון ירושלים.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' חיים לייב כהנא שליט"א. מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס הי"ו פון מאנטריאל, הר"ר אשר ענזיל גוטמאן הי"ו פון בארא פארק, מוה"ר יצחק לוי פרושינובסקי הי"ו פון מאנסי, מוה"ר יצחק שמעון אסטרייכער הי"ו פון קרית יואל.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א, שיר המעלות הב' שלום לאבין נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

צו תפילת מעריב איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' חיים לייב כהנא שליט"א. נאך מעריב האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס איז מכובד געווארן מוה"ר ברוך הערש פעלבערבוים הי"ו פון מאנטריאל, די הבדלה האט געהאלטן מו"ה אלימלך לעווי הי"ו פון מאנטריאל.

ביי די שיחות קודש האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'קאזמיר שליט"א און הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א צו פארציילן.

דערנאך האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.


בס"ד
יומא דהילולא קדישא
- של מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י -
פק"ק קרית טאהש יע"א
- ז"ך אב תשפ"ה -
פועל'ט אויס אלעס גוטס
מתכוננים אנו לקראת יום הישועות
הילולא קדישא ז"ך אב
יום ה' פר' ראה תשפ"ה הבעל"ט
בהתאסף ראשי עם יחד אלפי שבטי ישראל
הנוסעים בטירחא דגופא שעות ארוכות מכל קצבי תבל לעלות ולהתפלל על ציון קדשו
של בעל הילולא רבינו הקדוש זיעועכי"א בהאי יום המסוגל
הננו נותנים הזדמנות פז לפני הנדבנים החשובים לקנות
זכותים נשגבים
לכבוד ולעילוי נשמתו הטהורה של רבינו הקדוש
מרן משולם פייש בן הרה"ק מרן מרדכי וצירל זצוקללה"ה
עלי' לציון הקדוש $26.000
שלחן הטהור סעודת הילולא $26.000
תפלת ערבית $7.200
תפלת שחרית $7.200
תפלת מנחה וסדר יו"כ קטן $10.000
אש"ל $3,600
מסיבת לחיים $3,600
קבלת קהל $3,600
סעודות לאורחים $3,600
טעימה קלה ומשקאות $3,600
צידה לדרך $3,600
ליטול חלק ולקנות זכות נא לפנות אל העסקן הדגול
מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו, משב"ק
514-651-4174
נדיבי לב קנו לכם זכות נצחי
ביום המסוגל הזה


בעזהשי"ת
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
פרנס החודש
זכות בכל הפעולות, שותף בכל המעשים, רבבות שעות שיעורי תורה ועבודה מוסר וחסידות, אלפי קוראי ולומדי הגליון המאיר באו"ר החיי"ם, מאות המתלהבים מקולו בקודש, ומתרוממים מדב"ק בעת רעוא דרעוין, וזכות כל המאחד ומתאחד"ת, באהבה ואחוה כלל אנשי שלומינו, השמחים בקול צהלה בשמחות חברינו וידידינו, כלנו מתפרנסו זה מזה בסיוע ועזר לקנות ולהנות מאנ"ש לאנ"ש, הנפזרים בכל קצוי תבל ומלואה, ומתדבקים ומהלכים לנרו ובדרכו דרך העבודה, בקבוצות וחבורות עבודת עבודה, של רוח אפינו רבינו הקדוש זי"ע, וחייו ודרכיו הנמסרים באהבה לזרעינו, כשאבותינו ספרו לנו, ומתאחדים והולכים בדרך הנמשך ע"י מרן רבינו שליט"א אור חיינו,
כל זכותים האלו למשך החודש הבא עלינו
נקנה ונתנדב על ידי הרבני החסיד והמפואר בריח התיכון
ועושה ומעשה בונה ומקים עולמות של תורה וחסידות
הרב
מאיר יעקב טעסלער
שליט"א
שקנה זכות האדיר
פרנס פעולות האיחוד
לחודש אב
לעילוי נשמתו הטהורה של אור חיינו
רבינו קודש הקדשים
מרן משולם פייש בן
הרה"ק רבי מרדכי סג"ל זיעועכ"י
לרגל היומא דהילולא קדישא ביום ז"ך מנחם אב הבעל"ט
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לכם ולזכותכם!
מה טוב חלקכם וחבלכם בזה ובבא!
ובזכות זה ישפעו להם משמי מעל כל הברכות וישועות, אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד, שפע ברכה והצלחה בכל הענינים, בני בריכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, סייעתא דשמיא עושר ואושר, בדרכי התורה ועבודת עבודה עפ"י דרך אבותינו ורבותינו הק', וזכותו הגדול והקדוש של רבינו הקדוש זי"ע ילווה אותם ואותנו לנצח, עדי שנזכה לביאת מלכא משיחא במהרה בימינו ומלכנו בראשינו, אכיה"ר
בכבוד רב
הנהלת איחוד
תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו


בס"ד
וועד האש"ל
וויכטיגע מעלדונג
די אלע וועלכע ווילן רעזערווירן
אש"ל
בבניני הישיבות
אין די טעג פון די
יומא דהילולא קדישא
פאר א מינימאלע $20 אפצאל
זאלן זיך מעלדן ביטע ווי פריער
514-582-6380
= נעמט אין אכט: =
די פלעצער אין אש"ל זענען זייער באגרעניצט, זיך צו פארזיכערן א בעט, ביטע רופט אריין אין די ערשטע געלעגנהייט
וכל הקודם זכה, והזריז נשכר!!
יומא דהילולא קדישא
ז"ך אב תשפ"ה
פועל'ט אויס אלעס גוטס


יומא דהילולא קדישא
- של מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י -
פק"ק קרית טאהש יע"א
- ז"ך אב תשפ"ה -
פועל'ט אויס אלעס גוטס
בס"ד
מודעה נחוצה
לקראת יומא דהילולא קדישא הבעל"ט
הננו בזה להודיע אשר
מוסדות התורה ומפעלי החסד
החפצים להעמיד
אוהל צדקה על שטח בית החיים
יתקשרו אל
מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו, משב"ק
514-651-4174
כדי שנוכל לסדר הכל עצהיו"ט
וכל הקודם זכה
בברכת פועל'ט אלעס גוטס

בעזהשי"ת

# א מעסעדזש פון חברה הצלה און חברה שומרים

עלטערן לערנט אויס אייערע קינדער צו

## אריבער גיין די גאס סעיף

מיטן אליין זיין א ווענגווייזער



- מיטן זיי אויסלערנען צו קוקען עטליכע מאל אויף ביידע זייטן
- נישט קראסען צווישן קארן
- אויב מעגליך אלס ביי א סטאפ סיין אדער קראס וואלקן
- נאר נאכן מאכן איי- קאנטאקט מיטן דרייווער

**געדענק, קינדער טוען וואס זיי זעהן ביי די עלטערן**




לאמיר נישט ווארטן ביז עס קאסט ח"ו נפשות

**לאמיר אלע צוזאמען טוען אונזער חלק פאר הצלת נפשות**



בס"ד

לטובת ולהנאת אנ"ש קענט איר הערן אויף

# קול איחוד טאהש

**אלעס בנוגע די ימי הילולא קדישא**

**ביי נומער 15**
**פונעם מעין מעניו**





מיטצוהאלטן כסדר'דיגע נייעס און אפדעיטס ........ 1
חברה ש"ס לרגל ההילולא ........ 2
להתאחד בחורי אנ"ש פראגראם כהכנה לקראת היומדהל"ק ........ 3
אפטיילונגען פון שיעורים-דרשות-ניגונים לכבוד די יארצייט ........ 4
- היסטארישע ריקארדירונגען פון רביה"ק זי"ע
- סעודות הילולת ז"ך אב פון די פריעדיגע יארן
- שיעורים אין ספה"ק עבו"ע
- ניגונים לכבוד די יארצייט
- הספדים על רבינו הקדוש זי"ע
- סיפורים ועובדות לקראת ההילולא קדישא

טראנספארטאציע ........ 5
- היטשעס / קאר סערוויסעס / באסעס
- רעסט עיריעס / אפדעיט'ס איבער טרעפיק ביים בארדער
- מיטזאגן תפילת הדרך / תהלים / אגרת הרמב"ן
- טרעוול עידשענט / 24 שעה פאספארטן

דירות אפטיילונג ........ 6
- מעסידשעס פון אידן וואס האבן דירות
- וועד האש"ל בבניני הישיבה

צו באשטעלן עסן ........ 7
צו שיקן א קוויטל ........ 8



שמעו ותחי נפשכם

קול איחוד טאהש
מקושר פון איבעראל
718.451.TOSH | 514.500.TOSH

**718.451.8674**
**514.500.8674**

ספעציעלע אפטיילונג פאר די יארצייט נומער 15 פון די מעין מעניו


## סדר הלימודים

במסגרת החבורת שע"י קהילתינו הק'

### = פרשת דברים =

| | ז' עמודים - מסכת עבודה זרה | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק מטו"מ | לז: | לד. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | לח. | לד: | צא: | פח. |
| מאנטאג | לח: | לה. | צב. | פח: |
| דינסטאג | לט. | לה: | צב: | פט. |
| מיטוואך | לט: | לו. | צג. | פט: |
| דאנערשטאג | מ. | לו: | צג: | צ. |
| עש"ק | מ: | לז. | חזרה | חזרה |

**בחינה הבאה ביום א' פרשת עקב**

מס' עבו"ז: כד.-מא. | מס' בבא בתרא: פא.-צא:


## קול איחוד טאהש

קול בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאודעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת עבודה זרה (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניו



יד"ל ע"י
**איחוד תלמידי וחסידי טאהש**
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950


די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**

בעזהשי"ת

# קהל אור החיים ד'טאהש

קרית טאהש

תע"א

נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זיעועכ"י - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## עולו ואתכנשו בהילולא קדישא

הננו בזה להזמין את כל הקהל הקודש
אנ"ש תלמידים וחסידים לבוא ולהשתתף אצל

# סעודת הילולא

## וסיום הש"ס

לרגל היומא דהילולא קדישא של אבינו רועינו

## כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

שתתקיים בעזהשי"ת

## ביום ד' ראה, אול"י ז"ך אב

**בשעה 9:30 בערב**

**בהיכל בית המדרש הגדול**

**בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

## עלי' לציון הקדוש

אמירת כל ספר תהלים

**בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

**ביום ה' ראה, ז"ך אב**

**בשעה 9:30 בבוקר**

### זמנים לנשים

עלי' לציון לנשים יהיה
אך בשעות מיוחדות

ביום ד' משעה 10:00 בבוקר
עד 5:30 אחצ"ה

ביום ה' לא יהיה אפשרות לנשים לעלות לציון ובשעות הנ"ל לא יהיה אפשריות לאנשים לעלות לציון

### מזון וצידה

בימי ההילולא יהיה בעז"ה

סעודות, טעימה ושתי' לכל האורחים בהרחבה גדולה

ראה הזמנים מדויקים
בהודעה נפרדת

### אש"ל בישיבה

להזמין אש"ל לימי ההילולא
בבניני הישיבות נא לקרות

וועד האש"ל

514.582.6380

לעצט מינוטיגע מעלדונגען: קול איחוד טאהש

**514.500.8674 / 718.451.8674 #1-5**

בברכת פועל'ט אויס אלעס גוטס

**הנהלת הקהלה**